# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

תולדות

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2022 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## תולדות


האמורים בפרשה - קוקן אויף דעם תכלית פון יעדער זאַך ....................................ב

אך טוב וחסד ירדפוני - אַלע 'רדיפות' זענען פאַר די טובה פון מענטש ............................ה

כריח שדה אשר ברכו ה' - זיין בשפלות איז אַ שעת הכושר פאַר אַלע ברכות ..........................ח

ולאום מלאום יאמץ - אונזער שלימות קומט פון עשו וואָס זוכט אונז צו שטערן ..........................ט

את בכורתך - די מעלה פון אַ איד וואָס הייבט אָן שטענדיג פונדאָסניי...........................יב

משמרתי, חוקותי - טוהן גוטס מיט אַנדערע ...................................טו



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# תולדות

### האמורים בפרשה - קוקן אויף דעם תכלית פון יעדער זאַך

**'ואלה** תולדות יצחק בן אברהם' (כה, יט). זאָגט רש"י: 'יעקב ועשו האמורים בפרשה'.

**האָבן** צדיקים געזאָגט, דאָס וואָרט 'בפרשה', איז אויך מרמז, אַז יעדער איד דאַרף וויסן, אַז ער שטייט כסדר אויף אַ 'פרשת דרכים', און ער האָט די בחירה, אויסצואוויילן די וועגן פון יעקב אבינו ע"ה, דעם גוטן וועג וואָס פירט צו עולם הבא, אָדער די שלעכטע וועגן פון עשו הרשע[א]. ער דאַרף מאַכן אַ 'הפרשה' - אַן אָפּשיידונג, אָפּצוטיילן צווישן לעכטיגקייט און פינצטערניש[ב], און גיין אויפ'ן וועגן פון דעם באַשעפער און זיין תורה[ג].

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כה-כו) 'ויקראו שמו עשו, ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו, ויקרא שמו יעקב', זאָגט דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (פרשתינו, אות א) אַז די נעמען

---

**א.** יעקב און עשו זענען דאָך געווען צווילינג, ווי מיר לייענען היינט אין דער פרשה (כה, כד) 'וימלאו ימיה ללדת, והנה תומים בבטנה'. זאָגט דער ריטב"א (סוף מסכת פסחים, ד"ה 'ואתן ליצחק'), אַ טעם פאַרוואָס יעקב און עשו זענען געווען צווילינג. עס זענען דאָ מענטשן וואָס זאָגן, איך בין נישט ביכולת צו לערנען און דאַווענען און דינען דעם אויבערשטען, ווייל איך בין דאָך נישט געבוירן ביי ערליכע און חשוב'ע עלטערן, אַזוי ווי יענער גאון אָדער צדיק. אַנדערע זאָגן, וואָס קען איך טוהן, איך בין נישט געבוירן געוואָרן אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט אַ גוטער מזל, אַזוי ווי דעמאָלס ווען יענער צדיק איז געבוירן, אָדער, אין דעם 'אָרט' וואו יענער צדיק איז געבוירן... וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז יעקב און עשו זאָלן זיין 'צווילינג', זיי זענען געבוירן געוואָרן ביי די זעלבע עלטערן, דער זעלבער טאַטע יצחק און די זעלבע מאמע רבקה, אין דעם זעלבן מזל, און אין זעלבן אָרט... פונדעסטוועגן, איז עשו געווען אַ רשע, און יעקב איז געווען 'איש תם, יושב אהלים'. פון דעם קענסטו זיך אַרויסלערנען, אַז נישט די 'נאַטור' איז גורם, נישט דאָס אָרט איז גורם, און נישט די עלטערן, נאָר דער רצון פון אַ מענטש, באַשטימט אויב ער זאָל זיין אַזוי ווי יעקב אבינו ע"ה, אָדער חלילה ווי זיין ברודער עשו...

**ב.** אין דעם הספד וואָס הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם גאון מהר"ם שיק זי"ע, האָט ער געזאָגט (געברענגט אין ספר 'נפש יהונתן', פ' וארא, ד"ה 'הירא'). וועגן עשו, זאָגט דער פסוק (פרשתינו כה, כז) 'ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים'. געווענליך זאָגט דער פסוק אַ 'דבר והיפוכו' - אַ זאַך, און דאָס פאַרקערטע דערפון. מיט וואָס איז אַ פעלד-אַרבעטער ('איש שדה') פאַרקערט פון דעם 'איש תם יושב אהלים'?

האָט דער 'ייטב לב' געענטפערט, די גמרא זאָגט (חולין קטז:) אויפ'ן פסוק (שמות כב, ל) 'ובשר בשדה טריפה לא תאכלו', אַז די כוונה דערפון איז, פלייש וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן פון זיין מחיצה. דאָס הייסט, 'איש שדה' איז מרמז אויף איינעם וואָס האָט נישט קיין 'מחיצות'. ער האָט נישט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך גדרים און סייגים, כדי זיך אָפּצוהיטן פון אַן עבירה. אַזאַ איינער איז חלילה אינעם גדר פון 'טריפה'. דאַקעגן, יעקב אבינו ע"ה, ווערט אָנגערופן "יושב אהלים'. ער האָט זיך אַרומגענומען פון אַלע זיינע פיר זייטן מיט 'מחיצות', אַזוי ווי אַ פאַרמאַכטער געצעלט, און געמאַכט גדרים און סייגים כדי זיך צו דערווייטערן פון אַן עבירה. (דערמיט האָט דער סיגעטער רב זי"ע געוואָלט לויבן דעם חוסטער רב, דער מהר"ם שיק זי"ע, אַז ער איז אַלע יאָרן געגאַנגען אין די וועגן פון די אבות, און האָט געהאָלפן אַוועקשטעלן גדרים און סייגים, מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, און אָפּהיטן אידישע קינדער פון יעדער פירצה בחומת הדת).

דאָס איז דער חילוק צווישן יעקב און עשו. דער מענטש וואָס האָט אַ גדר און אַ סייג, איז ראוי גערעכנט צו ווערן צווישן די קינדער פון יעקב, און דאָס זעלבע פאַרקערט חלילה...

דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה 'כוכב מיעקב' טשעבין, האָט אַמאָל געדאַרפט האָבן אַ גרעסערן סכום געלט. האָט ער געבעטן איינע פון זיינע באַקאַנטע, ביי וועמען עס איז אין אַ מזל'דיגע שעה געבוירן געוואָרן אַ יונגל, ער זאָל איהם מכבד זיין מיט 'סנדקאות' ביים ברית, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט אַז פון סנדקאות ווערט מען רייך (רמ"א יו"ד סי' רסה, סי"א).

יעקב און עשו, זענען אַן אָנדייטונג אויף דעם מהות און דעם חילוק צווישן זיי. יעקב ווערט אָנגערופן 'יעקב', צוליב 'וידו אוחזת בעקב', און 'עקב' איז פון לשון 'סוף'.

ביי יעדן נסיון, פלעגט יעקב קוקן אויף דעם סוף פון דער זאַך[ד]. ביי יעדער זאַך פלעגט ער זיך מתבונן זיין אינעם תכלית דערין, צי עס וועט אַרויסקומען פון דעם

---

דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן. ער האָט טאַקע מכבד געווען רבי אברהם גניחובסקי מיט סנדקאות, און אין דער זעלבער וואָך האָט רבי אברהם באַקומען צוגעשיקט פון הימל, נישט ווייניגער ווי צען טויזנט דאָלאַר, וואָס איז געווען אַ גאַר גרויסער סכום בימים ההם.

ווען עס איז אַרויס אַ שמועה אין שטאָט, אַז רבי אברהם האָט אָנגענומען אַ סנדקאות, האָבן אַסאַך מענטשן איהם אָנגעהויבן מכבד זיין מיט סנדקאות ביים ברית פון זייערע קינדער, אַ זאַך וואָס רבי אברהם האָט נישט געקענט אָפּזאָגן. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אָבער געשפּירט מיט זיין גרויס עניוות, אַז ער איז נישט ראוי צו דעם כיבוד. האָט ער גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה, מער נישט צו נעמען אַ צייטונג אין האַנט. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז די צווייטע 'עשירות' איז גרעסער ווי דאָס ערשטע... דאָס הייסט, זיין גוטע קבלה נישט צו לייענען מער צייטונגען, איז מער 'ווערד' ווי טויזנטער דאָלאַרן...

אַוודאי איז דאָס גאָר אַ הויכע מדריגה, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר יעדן איינעם. מ'קען אָבער לערנען דערפון די חשיבות פון יעדן גדר און סייג וואָס דער מענטש שטעלט אַוועק פאַר זיך - יעדער איינער, לויט זיין דרגא...

**ג.** דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון חז"ל (שבת לא.) 'דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושא הוא, זיל גמור'. דער גרעסטער שונא פונעם מענטש, איז דאָך זיין יצר הרע (סוכה נב.). אויף דעם זאָגט די גמרא: 'דעלך סני' - דיין שונא (דער יצר הרע) 'לחברך לא תעביד' - זאָלסטו איהם נישט מאַכן פאַר דיין 'חבר'... 'זו היא כל התורה כולה' - דאָס איז דער עיקר פון אַלע מצוות פון דער תורה, צו לערנען דעם מענטש ווי אַזוי זיך צו דערוויטערן פונעם יצר, און פון יעצט און ווייטער, 'זיל גמור', גיי אַרויס, און לערן זיך די תכסיסי מלחמה קעגן דעם יצר...

**ד.** מיר האָבן געהערט פון אַ חכם, יעקב'ס חלק איז דאָך עולם הבא. ער טראַכט שטענדיג אויף דעם וואָס עס וועט זיין 'להבא' - דער סוף און תכלית פון יעדער זאַך. עשו האָט אָבער גענומען 'עולם הזה' (תדב"א זוטא, פי"ט, וזוה"ק ח"א, קמג:). דאָס הייסט, אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען געוואָנדן נאָר צו דעם וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן בשעת מעשה, וואָס מ'קען אָנווייזן מיט'ן פינגער דערויף: 'זה' - דאָס איז עס, און מער נישט... אַזוי ווי אַ בהמה, וואָס זעהט נאָר דאָס וואָס שטייט פאַר איר יענע מינוט, אָן צו טראַכטן 'הפסד מצוה כנגד שכרה'.

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע שטעלט-פאַר אויף אַ זיסן אופן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן יעקב און עשו. נאָך דעם ווי די ברידער האָבן זיך איינגעטיילט מיטביידע וועלט, איז אָנגעקומען דער הייליגער שבת, און עשו איז אַריינגעגאַנגען אין יעקב'ס געצעלט, און ער איז געווען ערשטוינט צו זעהן ווי יעקב זיצט מיט זיינע תלמידים, און פּראַוועט אַ טיש מיט פלייש און פיש, און אַלע מטעמים... האָט עשו זיך געוואָנדן צו יעקב מיט אַ טענה, זאָגנדיג: ברודער טייערער, דער גאַנצער 'עולם הזה' איז דאָך מיינער. ווי קומסטו צו געניסן פון תענוגי עולם הזה?!... האָט יעקב איהם געענטפערט: היינט איז דאָך שבת, וואָס איז 'מעין עולם הבא', און מ'דאַרף זיך מתענג זיין מיט פיש און פלייש און אַלע אַנדערע מאכלים און מעדנים...

זונטאָג, איז עשו ווידער געגאַנגען צום געצעלט פון יעקב, און אָט זעהט ער ווידעראַמאָל, ווי יעקב זיצט און פּראַוועט מיט זיינע תלמידים, אַ סעודה כיד המלך... האָט עשו איהם ווידער געפרעגט, 'וואָס איז היינט?', און יעקב האָט איהם אויפגעקלערט, אַז היינט איז 'ראש חודש', ווען עס רוהט אויף'ן מענטש אַן רוח גן עדן, און ס'איז אַ מצוה צו מאַכן אַ סעודה. איז עשו ווידער אַוועק פון דאָרט בפחי נפש.

דאָנערשטאָג, איז עשו נאָך אַמאָל געקומען, און ... ווידער זעהט ער ווי יעקב זיצט בראש פון אַן 'אסיפת מרעים', און מ'פּראַוועט אַ 'סעודת שלמה בשעתה'... האָט יעקב איהם געזאָגט, היינט איז אַ 'יומא טבא לרבנן' - מיר פּראַוועט אַ יום טוב, ווייל מיר האָבן זוכה געווען אַדורכצולערנען די גאַנצע מסכתא בבא קמא, און מיר פייערן יעצט דעם סיום מסכתא... ער האָט אָנגעבאָטן פאַר עשו, אַז אויב ער וויל דווקא, קען ער זיך צוזעצן צו אַ נייעם שיעור אויף מסכתא בבא מציעא, וואָס מ'גרייט זיך אָנצוהייבן מאָרגן, און אַזוי וועסטו אויך זוכה זיין צו אַ 'סעודה', ביים

גוטס, אָדער שלעכטס, און נאָר לויט דעם האָט ער באַשלאָסן צי ער זאָל עס טוהן, אָדער נישט[ה].

**עשו**, אָבער, 'כשמו כן הוא'. 'עשו' איז פון לשון 'עשיה'. ער האָט געטוהן אַ פּעולה, אָן אַ התבוננות פריער אויב ער וועט עפּעס פאַרדינען דערפון, אָדער ער וועט שאָדן האָבן ברוחניות און אויך בגשמיות, נאָר ער האָט עס געטוהן אָן טראַכטן פריער, און וועגן דעם האָט ער אַזוי פיל געזינדיגט, און ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט אַ חשבון הנפש - 'חשבונו של עולם' - צו גערענקען 'לאן אתה הולך'. עשו האָט שטענדיג געלעבט מיט די סעקונדע און די תאווה, וואָס האָט געברענט אין איהם יענע רגע[ו].

---

סיום פון מסכתא בבא מציעא, הבא עלינו לטובה... האָט עשו זיך צוגעזעצט צומאַרגנס כדי מיטצולערנען מיט זיי מסכתא בבא מציעא, און באַלד אויפ'ן ערשטן עמוד, ביי די ערשטע סוגיא - 'שנים אוחזין בטלית', האָט עשו געזעהן דעם מצב... און ער האָט אַן אויפגערעגטער פאַרמאַכט די גמרא, און ער איז אַרויסגעלאָפן פון בית המדרש מיט דער נשמה אויפ'ן שפּיץ נאָז...

אַ פאַרטרויערטער און פול מיט צער און עגמת נפש, איז עשו אַריבערגעגאַנגען צו זיין פעטער ישמעאל, און איהם געפרעגט וואָס ער זאָל דאָ טוהן מיט זיין ברודער יעקב, וועלכער 'לאָזט זיך וואוילגיין' אויף דער וועלט, אויף זיין חשבון, 'צונעמענדיג' פון איהם זיין עולם הבא... האָט ישמעאל איהם געראַטן צו ווענדן זיך צו יעקב און ער זאָל איהם זאָגן, אַז ער שפּירט נישט קיין טעם און פאַרגעניגן פון גאַנצן עולם הזה וואָס ער האָט באַקומען אין זיין חלק, וויסנדיג אַז דערנאָך וועט ער נישט האָבן אַ חלק אין עולם הבא. אַזוי אַז אויך 'עולם הזה', האָט ער נישט...

אַזוי האָט עשו געטוהן. ער איז געגאַנגען צו יעקב, און פאָרגעלייגט פאַר איהם זיינע טענות. האָט יעקב איהם געזאָגט: 'איך פאַרזיכער דיר, אַז דו וועסט האָבן אַ חלק אין עולם הבא'. איז עשו אַהיים געגאַנגען פריליך, און פון דאַן און ווייטער האָט ער זיך געלאָזט וואוילגיין אויף דער וועלט, געניסנדיג פון אַלע תאוות עולם הזה.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון עשו'ס פאַרלאָזן די וועלט, האָט ער פאַרלאַנגט מ'זאָל איהם אַריינלאָזן אין גן עדן, ווייל זיין ברודער יעקב האָט דאָך איהם צוגעזאָגט אַ חלק אין עולם הבא... האָבן די מלאכים גע'טענה'ט, דער גאַנצער צוזאָג אויף עולם הבא וואָס יעקב האָט דיר געגעבן, איז דאָך נאָר געווען כדי דו זאָלסט לעבן רואיג אויף דער וועלט, אָבער יעצט, אַז דו האָסט טאַקע גענאָסן פון אַלע תאוות עולם הזה מיינענדיג אַז עס ערוואַרט דיך אויך עולם הבא, קומט דאָך דיר באמת גאָרנישט - דיין פּלאַץ איז אין גיהנום...

**ה.** דאָס איז נאָך מער גילטיג לגבי דעם ענין פון דיבור - אַרויסזאָגן אַ וואָרט פון מויל. עס איז באַקאַנט דער מאמר החכם, איידער דו האָסט אַרויסגענומען דאָס וואָרט פון מויל, ביזטו דער באַלעבאָס אויפ'ן דיבור, אָבער נאָכ'ן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, איז ער דיין באַלעבאָס... פאַר כל הון דעלמא, וועסטו עס מער קיינמאָל נישט קענען צוריקברענגען (אפי' אויב דו וועסט אָנזאָגן מיט טויזנט אזהרות דעם מענטש וואָס האָט דיך געהערט רעדן, זאָלסטו נישט זאָגן, איך האָב אַזוי געזאָגט, ווער קען דיר פאַרזיכערן אַז ער וועט דיך פאָלגן און ער וועט עס פאַר קיינעם נישט דערציילן. עס טרעפט דאָך אָפט מאָל אַז אויך ער דערציילט פאַר אַ צווייטן, און ער זאָגט אָן פאַר יענעם, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן... וועגן דעם דאַרף מען גוט איבערטראַכטן יעדעס וואָרט איידער מ'זאָגט עס אַרויס פון מויל, ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (אגרת הרמב"ן), 'חשוב הדיבור קודם שתוציאנה מפיך' - דו זאָלסט גוט אַדורכטראַכטן דאָס וואָרט, איידער דו זאָגסט עס אַרויס פון מויל.

**ו.** אין דער היינטיגער פרשה (כה, ל) לייענען מיר: 'ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדום האדום הזה, על כן קרא שמו אדום'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ווערט ער אָנגערופן 'אדום', און נישט 'הלעיטני', אָדער 'נא'. איז דער תירוץ, דער מענטש ווערט אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פון זיין 'מהות', און דאָ, ווען עשו איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער גאָרנישט געזעהן פאַר זיינע אויגן נאָר 'אדום', 'אדום' - רויט, און רויט... ער האָט נישט געטראַכט אפילו פאַר אַ סעקונדע, צי דאָס דאָזיגע 'רויטע' איז אַ מאכל פון מענטשן, אָדער אַ מאכל בהמה... ער האָט נישט אַריינגעקלערט צי ס'איז האַרט, אָדער ווייך... אויב עס שאַדט פאַר זיין געזונט אָדער נישט... ער האָט נאָר געזאָגט 'אדום, אדום'... וועגן דעם האָט מען איהם גערופן 'אדום', ווייל דאָס איז געווען דער גאַנצער מהות פון עשו - צו בעטן און פאַרלאַנגען אַלעס וואָס זיין האַרץ האָט געגליסט, נישט פרעגנדיג אויב ס'איז גוט אָדער נישט. פון אַזאַ פירונג, דאַרף יעדער איד זיך דערווייטערן, ווי ווייט נאָר מעגליך.

### אך טוב וחסד ירדפוני - אַלע 'רדיפות' זענען פאַר די טובה פון מענטש

**דער** הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע זאָגט ('קדושת לוי', פרשתינו, ד"ה 'אם תעשה"), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, כט) 'אם תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך'. עס איז באַקאַנט וואָס דער 'בעל הטורים' זאָגט, אַז אבימלך האָט געוואָלט שלעכטס טוהן פאַר יצחק, און דער אויבערשטער האָט עס איבערגעדרייט צום גוטן, ווייל דער אויבערשטער דרייט איבער אַלע שלעכטע זאַכן צום גוטן, עיי"ש.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון אבימלך, 'אם תעשה עמנו רעה' - אויב דו וועסט אונז וועלן שלעכטס טוהן ח"ו, וועט עס זיכער איבערגעדרייט ווערן צום גוטן. אַ ראיה האָסטו, 'כאשר לא נגענוך' - מיר האָבן דיר געוואָלט שלעכטס טוהן, און דער אויבערשטער האָט עס איבערגעדרייט צום גוטן, און מיר האָבן מיט דיר געטוהן נאָר גוטס, און וויבאַלד די מדה פון דעם אויבערשטען איז דאָך צו טוהן גוטס, ממילא, אויב דו וועסט אונז וועלן שלעכטס טוהן, וועט עס אויך איבערגעדרייט ווערן צום גוטן. וועגן דעם בעטן מיר דיך שוין דו זאָלסט טוהן מיט אונז אַ טובה, ווייל סוף כל סוף, וועט דאָך סיי-ווי אַרויסקומען דערפון אַ טובה, עכ"ל.

די כוונה דערפון איז, לויט ווי דער 'בעל הטורים' שרייבט, אַז אין אָנהייב האָט אבימלך געוואָלט

---

**ז.** אָפט מאָל איז אַ מענטש 'פאַרשטעקט' אין זיין ווייטאָג און אין זיינע שאָדנס. דאַרף ער נאָר עפענען די אויגן צו קוקן אויף אַלע פאַסירונגען מיט אַ השקפה פון אמונה, און גלייבן אַז אַלעס איז פאַר דעם מענטשן'ס טובה.

אַ איד וואָס האָט מיטגעמאַכט אַלע שווידערליכקייטן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה וואו ער האָט געליטן אַסאַך אומבאַשרייבליכע יסורים רח"ל, האָט דערציילט, אַז ווען די רשעים ימ"ש האָבן געזעהן אַז די מלחמה דערגרייט שוין צו אַ סוף, און אַז ביז אַ קורצע צייט וועט די אַמעריקאַנער אַרמייי זיי באַזיגן, האָבן זיי געוואָלט פאַרדעקן זייערע שווידערליכע פאַרברעכנס, אַז די וועלט זאָל זיי נישט אָנקוקן ווי אכזריות'דיגע מערדער, און זיי האָבן איינגעמאָלדן פאַר אַלע מענטשן וואָס האָבן געשמאַכטעט אין לאַגער, אַז יעדער איינער קען קומען, און מ'וועט איהם געבן ברויט צו די זעט (כדי צו פאַרשטיין פון וואָס עס האַנדלט זיך, האָט דער איד דערציילט, אַז אין יענע צייט, נאָך פינף יאָר ליידן שרעקליכן הונגער ווען מ'האָט געגעסן קוים אַ קליין שטיקל טרוקן ברויט, און מ'האָט 'געזעטיגט' דעם דורשט מיט טרינקען שמוציג וואַסער, אויב מ'וואָלט דעמאָלס געפרעגט איינעם פון די אידן אין לאַגער, וואָס ער וויל ענדערש האָבן - אַ שטיקל ברויט, אָדער ער וויל אנשטאט דעם, זיך באַפרייען פון דעם שוידערליכן לאַגער, וואָלט יעדער אַוודאי אויסגעקליבן דאָס שטיקל ברויט...).

איז דער איד געגאַנגען און זיך געשטעלט עטליכע מאָל אין דער רייע, כדי צו באַקומען נאָך אַ שטיקל ברויט. נאָך דעם ווי ער האָט צוזאַמענגעזאַמלט עטליכע פּאָרציעס, איז ער שטילערהייט געגאַנגען צו זיין באַראַק, און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין 'בעט', כדי צו שטילן דעם הונגער. אויפ'ן וועג האָבן אָבער עטליכע רוסישע אַרעסטאַנטן איהם געכאַפּט, און איהם געשאָלטן אַז ער איז אַ גנב. ער האָט זיך אָבער נישט וויסנדיג געמאַכט פון זייערע געשרייען, זאָגנדיג, אַז זיי זענען געפאַנגענע דאָ פונקט אַזוי ווי ער, און אַז זיי זענען נישט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים. זיי האָבן איהם אָבער נישט אָפּגעלאָזט, און האָבן איהם דערלאַנגט אכזריות'דיגע קלעפּ און צוגערויבט זיין ברויט, נישט איבערלאָזנדיג פאַר איהם אַפילו אַ פּאָרציע צו זעטיגן זיין הונגער. אַזוי איז דער איד געלעגן אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיגטער, און מיט אַ צובראָכן האַרץ, האָט ער אַפילו נישט געקענט וויינען. פון גרויס צער, האָט ער אויסגעשריגן פון טיפן האַרצן: 'רבונו של עולם, אויב דו האָסט געוואָלט צונעמען פון מיר די נשמה, האָסטו דאָך געקענט אַזוי טוהן יעדע מינוט אין די לעצטע פינף יאָר וואָס איך האָב זיך געפונען דאָ אינעם לאַגער, און אַז דו האָסט נישט געטוהן אַזוי, איז משמע אַז דיין רצון איז געווען איך זאָל ווייטער לעבן. ווי אַזוי וועל איך יעצט שטאַרבן, נאָכ'ן אַדורכלעבן אַלע פייניגונגען און יסורים... מיט אט די געדאַנגען, איז ער איינגעשלאָפן אויף דער ערד.

אינדערפרי, ווען ער האָט געעפענט די אויגן, האָט ער געזעהן די זון-שטראַלן אַריינשיינען אינעם באַראַק. פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר זייער אויסלייזונג פון די נאַצישע מערדערישע לאַפּעס. ווייל אַלע יאָרן אין לאַגער, פלעגן די רשעים ימ"ש זיי אויפוועקן גאָר פרי פאַרטאָגס, און מ'האָט זיי באַלד אַריינגעטריבן אין לאַגער, וואו מ'האָט אָפּגעציילט אַלע אַרעסטאַנטן מיט שרעקליכע דערנידריגונגען. יעדער וואָס האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום 'אַפּעל' צו דער מינוט, איז געווען פאַראורטיילט צו...

הרג'ענען יצחק, נאָר ער האָט עס נישט באַוויזן צו טוהן. נאָר פאַרקערט, נישט נאָר וואָס דער אויבערשטער האָט גערַאטעוועט יצחק פון אבימלך'ס הענט, נאָר אבימלך איז גאָר געווען געצוואונגען צו טוהן אַ טובה, און יצחק

---

יענעם טאָג, איז דער איד אויפגעשטאַנען פון זיין 'בעט', און אָט זעהט ער ווי אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן פון לאַגער, און אויך די רשעות'דיגע רוסישע געפאַנגענע, ליגן אויף דער ערד, און קיינער רירט זיך נישט. דאַן האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אַז די נאַציס ימ"ש האָבן נישט געזוכט צו טיילן ברויט צו זעטיגן די אַרעסטאַנטן פאַר זייער באַפרייאונג, נאָר זיי האָבן פשוט געצילט זיי אומצוברענגען דורך אַריינלייגן סם המות אין דעם טייג, און דאָס וואָס ער האָט נעכטן געמיינט אַז זיין וועלט איז חרוב געוואָרן מיט דעם וואָס מ'האָט ביי איהם אַוועקגענומען זיין פּאָרציע ברויט, און ער איז געווען זיכער אַז עס פּאַסירט מיט איהם עפּעס גאָר שלעכט, האָט ער יעצט איינגעזעהן די גרויסע טובה וואָס דער באַשעפער האָט גאָר געטוהן מיט איהם, און אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן בלויז פאַר די קלעפּ וואָס ער האָט געכאַפּט פון די רוסן.

ממילא, האָט דער מענטש נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן איבער זיין מצב. א-ל דעות ה', און אַלעס איז נאָר פאַר די טובה פונעם מענטש.

אַזוי זענען דאָ אַסאַך מעשיות פון מענטשן וואָס האָבן געזעהן אויג אויף אויג, די טובה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. אַמאָל זעהט מען עס ערשט יאָרן שפּעטער, און עס פּאַסירט אויך אַז מ'זעהט ערשט שפּעטער, לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווי די בעלי המעשה זענען שוין נישט אויף דער וועלט.

אַלענפאַלס, אפי' אויב דער מענטש זעהט נאָך נישט קלאָר די טובה פון די זאַך, דאַרף ער געדענקען אַז ער האָט אַ טאַטן אין הימל, 'הטוב ומטיב לרעים ולטובים'... 'אני ה' לא שניתי'. 'ישמח ישראל בעושיו, בני ציון יגילו במלכם', אין יעדן זמן.

אַ מורא'דיג וואָרט, האָט געזאָגט הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, ו-יא) ווען יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרר אין לאַנד פלשתים, און די מענטשן פונעם לאַנד האָבן געפרעגט וועגן רבקה, האָט מען איר נישט גענומען אין אבימלך'ס פּאַלאַץ. דאַקעגן שרה אמינו, איז יאָ אַריינגענומען געוואָרן אין הויז פון פּרעה (לעיל יב, טו), און צום הויז פון אבימלך (כ, ב). דער טעם איז, מיר געפינען אַז ווען אברהם און שרה זענען געקומען קיין מצרים, האָט אברהם מורא געהאַט אַז מ'וועט נעמען שרה צו פּרעה, האָט ער געזאָגט, 'אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך וחיתה נפשי בגללך'. און אויך זאָגט דער פסוק (לעיל כ, יג) 'ואומר לה זה חסדך אשר תעשי עמדי, אל כל המקום אשר נבוא שמה, אמרי לי אחי הוא'. דאָס מיינט, אברהם אבינו ע"ה האָט געמאַכט "פּלענער", ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון די צרה, אָבער ביי יצחק, געפינען מיר נישט אַזאַ זאַך. עס ווערט נישט דערמאנט אַז ער האָט פריער געזאָגט פאַר רבקה זי זאָל זאָגן אַז זי איז זיין שוועסטער, נאָר ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט טוהן וואָס ס'איז גוט אין זיינע אויגן, און ער וועט איהם פירן אויפ'ן גראָדן וועג. דעריבער האָט דער אויבערשטער איהם אָפּגעהיטן, און ער איז אינגאַנצן נישט 'צוגעקומען' צו אַזאַ מצב...

אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון אונזערע הייליגע אבות, און מיר טאָרן נישט זאָגן פשטים אין זייערע דרכים וואָס זענען געווען 'גבוה מעל גבוה'. עס קומט אָבער אונז לערנען, מ'זאָל נישט מאַכן פלענער און טראַכטן טאָג און נאַכט 'עצות'. עצת ה' היא תקום, און 'יושב בשמים ישחק', דער אויבערשטער לאַכט אָפּ פון אַלע פלענער. אדרבה, 'הולך בתום ישכון בטח'.

די ספרים זאָגן אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה האָט געברענגט 'מטעמים' און באַקומען די ברכות פון זיין פאָטער יצחק, איז עשו אַריינגעקומען און יצחק האָט איהם געפרעגט ווער ער איז, און ער האָט געענטפערט, 'אני בנך בכורך עשו', און דער פסוק דערציילט (כז, לג) 'ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד'. זאָגט רש"י, 'כתרגומו ותוה' - אַ לשון פון וואונדער. דאָס מיינט, יצחק האָט זיך זייער געוואונדערט. פרעגן די מפרשים ('שפתי חכמים'), פאַרוואָס האָט רש"י געטוישט דעם פשוט'ן משמעות פון פסוק אַז ער האָט געציטערט, אָדער פון לשון 'אויפטרייסלונג' (ווי דער 'תרגום יונתן' טייטשט)?

איז דער תירוץ, אַז יצחק אבינו ע"ה, מיט זיין גרויסע אמונה אין דעם אויבערשטען, ציטערט ער נישט, און ער זאָרגט זיך נישט פאַר קיין זאַך, נאָר פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. ממילא, מוז מען טייטשן 'ויחרד' פון לשון פאַרוואונדערונג, און נישט מיט'ן פשוט'ן פשט, אַז ער איז געוואָרן אויפגעציטערט...

האָט מצליח געווען הונדערט מאָל מער ווי פריער, און ער האָט געפונען אַסאַך וואַסער-ברונעמס. אויך זיינע שאָף און זיין געלט האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט, ווייל דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט צום גוטן אַלע שלעכטע געדאַנקען פון אבימלך. ווען אבימלך האָט געזעהן די וואונדערליכע זאַך, ווי דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט פאַר יצחק דאָס שלעכטע צום גוטן אויף אַ וואונדערליכן אופן, איז איהם קלאָר געוואָרן די זאַך אַזוי בפשטות, אַז דער אויבערשטער דרייט איבער דאָס שלעכטע צום גוטן, ביי אַלע באַשעפענישן וואָס גלייבן און פאַרזיכערן זיך אויף איהם. - אפילו פאַר גוים שונאי ישראל, וואָס האָבן ערשט אַ טאָג פריער געוואָלט הרג'ענען דעם צדיק הדור ח"ו... - ביז ער האָט אַליין געזאָגט פאַר יצחק אויף אַ זיכערן אופן, אַז ער קען איהם נישט טוהן שלעכטס.

מיר דאַרפן גלייבן דערין, אַז קיין מענטש קען מיט אונז נישט טוהן שלעכטס ח"ו, ווייל דער אויבערשטער וועט עס איבערדרייען לטובה ולברכה[ח].

ממילא, טאָר מען נישט פאַלן ביי זיך ווען מ'זעהט אַז מ'האָט פאַרשידענע ענגשאַפטן, נאָר מ'דאַרף זיך פרייען, פונקט ווי מ'פרייט זיך ווען מ'זעהט אַז אַ מענטש אַ בעל יכולת קומט גוטס צו טוהן מיט אונז ברוחניות אָדער בגשמיות, און נישט נאָר דאָס, נאָר די

---

**ח.** על דרך משל, 'יאָסעלע גולם' (וועלכער האָט געהאַט אַ ניצוץ פון 'יאָסעלע גולם' פון פראַג), איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שול מיט אַ יאָמערליכן געוויין. מ'האָט איהם געפרעגט וואָס עס האָט פאַסירט, און נאָך לאַנגע אויספרעגענישן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט יעצט פאַרלוירן צען מיליאָן דאָלאַר, אַלעס צוליב איין וואָרט פון יענעם און יענעם... ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיגט, האָט ער דערציילט, אַז אינדערפרי האָט ער געטראַכט ביי זיך, היינט וועל איך אַריינגיין אין באַנק, און פאָדערן פונעם באַנק-באַאַמטן ער זאָל מיר געבן צען מיליאָן דאָלאַר, און אַזוי וועל איך מיטאַמאָל רייך ווערן. ער האָט אַפילו שוין געטראַכט וואָס ער וועט טוהן מיט'ן געלט...

אַלזאָ, ער איז טאַקע אַריינגאַנגען אין באַנק, און פאַרלאַנגט פונעם באַאַמטן ער זאָל איהם זאָפאָרט דערלאַנגען צען מיליאָן דאָלאַר. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער באַאַמטער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, און געענטפערט, 'לא'...

אַלע צוהערער האָבן געשאָקלט מיט'ן קאָפּ, איבער דער נאַרישקייט פון 'יאָסעלע גולם', וועלכער פאַרשטייט נישט... ער האָט דאָך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן סכום, און ממילא, האָט ער עס נישט פאַרלוירן... נאָר ער האָט געהאַט אַ דמיון אין מח. 'כחלום יעוף', דער באַאַמטער האָט איהם בכלל נישט שאָדן געמאַכט, נאָר סך הכל, האָט ער אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין אַן אויפגעבלאָזענעם באַלאָן...

דער נמשל איז, אַזוי זעהען אויס די מענטשן וואָס האָבן 'חלומות', און טראַכטן פאַרשידענע געדאַנקען, און ווען די מחשבות ווערן נישט פאַרווירקליכט, נעמען זיי זיך קלאָגן און וויינען אויפ'ן 'שאָדן'... זיי פאַרגעסן, אַז באמת האָבן זיי דאָך קיינמאָל גאָרנישט פאַרמאָגט... נאָך מער פון דעם, אַפילו אויב ער האָט 'שאָדן געהאַט' געלט און זיין פאַרמעגן איז קלענער געוואָרן - איז עס נישט אַ שאָדן פון זיין געלט, ווייל אויך דאָס פאַרמעגן וואָס ער האָט אין זיין האַנט, איז נישט זיין אייגנטום, נאָר דער אויבערשטער האָט איינגעלייגט ביי איהם אַ 'פּקדון', און דער אויבערשטער האָט עס צוריקגענומען.

אַזוי זאָגט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל ('דרש משה', וישלח, ד"ה 'ויהי לי'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כז, כח) 'ויתן לך'. זאָגט רש"י, 'יתן ויחזור ויתן'. די כוונה איז נישט אַז דער אויבערשטער וועט איהם געבן גוטע השפעות צוביסלעך, צוביסלעך, און אַז וועגן דעם וועט ער איהם געבן נאָך אמאָל און נאָך אַמאָל, ווייל וואָס פאַר אַ חשיבות איז עס צו באַקומען שפע צוביסלעך. ס'איז דאָך מעגליך אַז ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש צו באַקומען אַלעס אויף איינמאָל.

נאָר די כוונה פון די ווערטער 'ויתן ויחזור ויתן'. עס גייט אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט איהם שוין געגעבן. ער זאָל אייביג אנערקענען אַז אַלעס איז אַ מתנה פון דעם אויבערשטען, וועלכער גיט איהם שטענדיג, יעדע מינוט. יעדע רגע וואָס די שפע געפינט זיך אין דער האַנט פונעם מענטש וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן, איז עס אַזוי ווי אַ נייע נתינה. ס'איז נישט גלייך צו אַ מתנה וואָס איינער גיט צו זיין חבר, וואָס נאָך דעם ווי ער האָט עס איהם געגעבן, איז עס אינגאַנצן אַרויס פון זיין האַנט, און אַריין אינגאַנצן אין די הענט פון דעם

טובה וואָס קומט אַרויס ווען די רעה ווערט איבערגעדרייט, איז נאָך פילפאַכיג מער טובה, ווייל דאָס איז דאָך אַ טובה פונעם באַשעפער ברוך הוא וואָס ער איז דער בעל יכולת, און נישט פון די הענט פון אַ בשר ודם.

**פון** דער היינטיגער סדרה לערנען מיר אויך וועגן די טובה וואָס קומט אויפ'ן מענטש צוליב די רדיפות וואָס ער ליידט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (כז, כט) 'אורריך ארור, ומברכיך ברוך'. זאָגט רש"י, ביי די צדיקים 'אורריהם ומצעריהם קודמים למברכיהם' - זייערע שעלטער און די וואָס זענען גורם פאַר זיי צער, קומען פריער ווי די וואָס בענטשן זיי.

**פרעגט** דער 'דברי ישראל' (פרשתינו) וויבאַלד זיי זענען צדיקים, פאַרוואָס זענען דאָ מענטשן וואָס שעלטן זיי און זענען זיי מצער?

**ענטפערט** דער 'דברי ישראל', לויט די ווערטער וואָס זיין טאַטע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קט, כח) 'יקללו המה ואתה תברך'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דוד המלך ע"ה געבעטן אַז זיינע פיינט זאָלן איהם שעלטן ('יקללו המה')? לכאורה, וואָלט ער ענדערש געדאַרפט זאָגן, 'אם יקללו המה, אתה תברך'.

**איז** דער תירוץ אויףביידע קשיות, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים כג, ו) 'אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי'. די רדיפות וואָס די צדיקים ליידן זענען נאָר אַ טובה און אַ חסד פאַר זיי, ווייל דאָס הייבט זיי אויף און ברענגט זיי אַ טובה. קומט אויס, אַז דאָס שעלטן - 'יקללו המה' - איז גורם 'ואתה תברך'. וועגן דעם האָט ער נישט געזאָגט 'אם יקללו', נאָר 'יקללו', ווייל דייקא די קללה וואָס די שונאים שעלטן איהם, ברענגט אויף איהם אַ ברכה.

**כריח שדה אשר ברכו ה' - זיין בשפלות איז אַ שעת הכושר פאַר אַלע ברכות**

**עס** איז באַקאַנט די קשיא פונעם ר"ן ז"ל (דרשות הר"ן, דרוש ה') פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז יצחק זאָל וועלן בענטשן עשו און נישט יעקב, און יעקב האָט געדאַרפט אַרויסנאַרן די ברכות פון זיין טאַטן יצחק.

**זאָגט** דער גאון דער קאָזשיגלוב'ער רב זצ"ל ('ארץ צבי', שנת תרפ"ה, ד"ה 'בדרשות'), עס איז באַקאַנט אַז ענוה און שפלות הרוח, איז די שענסטע מדה, און די גמרא זאָגט (סוטה ה.) אַז דער אויבערשטער רוהט אויף דעם מענטש וואָס האַלט זיך קליין: 'אני את דכא'.

**ממילא** קומט אויס, אַז עס איז נישט דאַ אַ צייט וואָס איז מסוגל פאַר ברכות, אַזוי ווי די צייט ווען

---

מקבל. נאָר צו יעדע צייט - 'יחזור ויתן', עס איז אַזוי ווי אַ נייע נתינה, און ממילא, דאַרף מען אייביג דאַנקען דעם אויבערשטען דערפאַר, אַזוי ווי מ'האָט מתקן געווען צו זאָגן פונדאָסניי יעדן טאָג 'ברכות השחר', אויף די ענינים פון דעם גוף, אַזוי איז די ברכה וואָס מ'באַקומט פון הימל, דאַרף מען אנערקענען אַז מ'באַקומט יעדע רגע אַ נייע מתנה, און מ'דאַרף כסדר דאַנקען דעם אויבערשטען פונדאָסניי.

בעיקר דאַרף מען זיין בשמחה, ווי דער 'רבינו בחיי' שרייבט ('כד הקמח', ערך בטחון, ד"ה 'מענין [השני]'), אַז בטחון מיינט, דאָס הארץ פון מענטש איז אַזוי שטאַרק מיט זיין בטחון, גלייך ווי דער אויבערשטער האָט איהם פאַרזיכערט.

לויט דעם, זאָגן די ספרים, מה דאָך עמיצער וואָס דער 'צדיק הדור' האָט איהם צוגעזאָגט, וואָס דאַן פרייט ער זיך אָן אַ סוף, איז דאָך אַוודאי געוויס ווען מ'האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, איז דאָס גלייך ווי דער אויבערשטער האָט איהם צוגעזאָגט אַ ישועה, דאַרף ער זיך דאָך אַוודאי פרייען און זיין לוסטיג...

וועגן די חשיבות פון דער מדה פון שמחה, זאָגט דער גאון רבי יעקב אהרן יאַנאָווסקי זצ"ל אב"ד אלכסנדר, אַ תלמיד פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשסיחא, אין זיין ספר 'בית יעקב' (פ' וירא, ד"ה 'וירא') בזה הלשון: אַן עצה פאַר יעדע זאַך צו קענען זיך האַלטן בשמחה, און אַזוי וועט אויפשפראָצן פאַר איהם אַ ישועה, האָט זיין רבי, דער רבי ר' בונם זי"ע, איהם געזאָגט, ווען ער האָט פאַר איהם מזכיר געווען זיין זון וועלכער איז געווען אַ חולה מסוכן ל"ע, האָט דער רבי ר' בונם איהם געזאָגט אַז די איינציגע עצה דערפאַר איז צו זיין בשמחה. ער האָט געפאָלגט דעם רבין'ס עצה, און געגעבן געלט פאַר די חסידים צו מאַכן אַ סעודה צוזאַמען בשמחה און באהבת חברים. דאָס האָט געהאָלפן, און דאָס קינד איז בעזהי"ת אויסגעהיילט געוואָרן.

יעקב האָט געזעהן אַז יצחק האָט ליב עשו'ן מער ווי ער האָט איהם ליב, און אַז ער האַלט ביים געבן די ברכות פאַר עשו, און נישט פאַר איהם. יעקב האָט אויך געזעהן, אַז פון הימל האַלט מען נישט צוריק פון יצחק צו בענטשן עשו, און דעריבער איז יעקב געוואָרן גאָר שטאַרק צובראָכן ביי זיך, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס ערגער ווי עשו, ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פס"ה, יא-טו), אַז אין יענע צייט איז יעקב געווען 'אנוס וכפוף ובוכה, והי' לבו נמוס כשעוה' - געצוואונגען, און איינגעבויגן, און פאַרוויינט, און זיין האַרץ איז צעגאַנגען אַזוי ווי וואַקס. ער האָט דעמאָלס נישט געהאַט אַ 'ישות' און מציאות, און דאַן איז אַן אומפאַרגלייכבאַרער שעת הכושר צו באַקומען די ברכות.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר יעדן איינעם, לויט זיין אונטערטעניגקייט, ווי קליין ער האַלט זיך, אַזוי איז ער אַ כלי ראוי און מוכשר צו באַקומען די ברכות פון יעקב (וואָס זענען אַן אוצר פון טובה און ברכה ברוחניות ובגשמיות), ווייל 'מעשה אבות סימן לבנים', עכ"ל[ט].

**אַזוי** זאָגט דער 'כלי יקר' (בראשית מח, טז) אַ טעם פאַרוואָס יעקב אבינו ע"ה האָט מקדים געווען אפרים פאַר מנשה, וועלכער איז געווען דער בכור, און ער האָט געזאָגט (שם, פסוק יט) 'גם הוא יהיה לעם וגם הוא יגדל, ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו'.

**זאָגט** דער 'כלי יקר', 'אבל מכל מקום אחיו הקטן יגדל ממנו' - אָבער פונדעסטוועגן, וועט זיין יונגערער ברודער זיין גרעסער פון איהם, ווייל דער אויבערשטער טוט אויסוויילן די קליינע. יעדער מענטש וואָס האָט עפעס אַ צד פון 'קטנות', טוט דער אויבערשטער איהם מער אויפהייבן, איהם צו פאַרוואַנדלען אין 'אלפי רבבה'.

**דאָס** האָט פּאַסירט מיט אַלע קינדער פון אברהם. ישמעאל איז געווען דער בכור פון אברהם, איז ער געוואָרן פסול, און יצחק איז אויסדערוויילט געוואָרן. עשו איז געווען דער בכור פון יצחק - איז עשו גע'פסל'ט געוואָרן, און יעקב איז אויסגעקליבן געוואָרן. ראובן איז געווען יעקב'ס בכור - איז ראובן גע'פסל'ט געוואָרן, און יוסף איז אויסגעקליבן געוואָרן. מנשה איז געווען דער בכור פון יוסף - איז אפרים אויסדערוויילט געוואָרן.

**דער** 'כלי יקר' פירט אויס: 'ורמז זה הלא דבר הוא, והמשכילים יבינו', עכ"ל.

**אין** דעם ענין, זאָגט הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע ('תורת אמת', פרשתינו, ד"ה 'וירח את ריח'), אויפ'ן פסוק (כז, כז) ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'. ווען יעקב איז אַריינגעקומען צו זיין טאַטן יצחק, און ער איז דעמאָלס געווען אָנגעטוהן אין די קליידער פון עשו, איז יעקב געווען זייער צובראָכן ביי זיך, און צוליב דעם האָט יצחק געשפּירט אַ 'ריח טוב' - אַ גוטן ריח, וואָס קומט אַרויס פון יעקב'ס צובראָכן האַרץ. אויף דעם האָט יצחק געזאָגט, ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'. פונקט אַזוי ווי מ'געפינט ביי בשמים, 'קוטמו ומריח בו', דאָס הייסט, אַז כאָטש בשמים האָבן אייביג אַ גוטן שמעק, אָבער ווען מ'טוט עס צערייבן, באַקומט עס נאָך אַ בעסערן ריח. דאָס זעלבע איז ביי יעדן איד. ווען זיין האַרץ איז צובראָכן, גייט אַרויס פון איהם אַ 'גוטער ריח', אויף אַ פיל בעסערן און שטאַרקערן אופן.

### ולאום מלאום יאמץ - אונזער שלימות קומט פון עשו וואָס זוכט אונז צו שטערן

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח משה' (פרשתינו, ד"ה 'עוד נראה לפרש ... כי הנה שמעתי בחלום'), וואָס איז די טענה קעגן עשו אַז ער איז געווען אַ רשע? נאָך איידער ער

---

**ט.** הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע זאָגט (בפירושו לתהלים, לד ז), אויפ'ן פסוק 'זה עני קרא וה' שמע, ומכל צרותיו הושיעו'. דאַרף מען פאַרשטיין דאָס וואָרט 'זה'. וועגן וועלכן אָרימאַן רעדט דאָ דער פסוק (בלשון נוכח), וואָס ער זאָגט 'זה'?

זאָגט דער 'ישמח משה', אַז דער פסוק קומט אונז זאָגן, פאַרוואָס דער אָרימאַן ווערט אָנגערופן 'עני', פון לשון 'עניה' (ענטפערן). דער אויבערשטער ענטפערט די בקשות און תפילות פון דעם אָרימאַן. דאָס זאָגט דוד המלך ע"ה, 'זה עני קרא' - דער טעם פאַרוואָס דער אָרימאַן ווערט אָנגערופן ('קרא') מיט'ן טיטול 'עני', איז דערפאַר ווייל 'וה' שמע' - דער אויבערשטער טוט צוהערן זיינע תפילות. 'ומכל צרותיו הושיעו' - ער טוט איהם אַרויסהעלפן פון אַלע זיינע צרות.

האָט געהאַט אַ יצר הרע [ווי רבי זאָגט (סנהדרין צא:) אַז דער יצר הרע קומט צום מענטש ווען ער ווערט געבוירן] האָט ער שוין געוואָלט אַרויסגיין דינען עבודה זרה? דאָס הייסט, אַז עשו איז בעצם באַשאַפן געוואָרן מיט שלעכטע נאַטורן. ממילא, וואָס איז די טענה אויף איהם, אַז ער זאָל אָנגערופן ווערן 'רשע'?

**ענטפערט** דער ישמח משה, אַז עשו איז טאַקע געבוירן געוואָרן מיט אַ שלעכטע נאַטור. דאַקעגן יעקב אבינו ע"ה, איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אומשאַצבאַרע געהויבענע קדושה, נאָר וויבאַלד זיי זענען געווען צווילינג, זענען זיי געווען אַביסל 'אויסגעמישט' איינער מיט'ן אַנדערן. וועגן דעם האָט יעקב אָנגעכאַפּט דעם פוס פון עשו הרשע, און אַזוי האָט זיך אָנגעקלעבט אין איהם אַביסל פון די רשעות פון עשו, און אויך אין עשו האָט זיך אָנגעקלעבט אַביסל פון די קדושה פון יעקב, און דאָס איז געווען זייער גאַנצע עבודה אויף דער וועלט: יעקב דאַרף אַרבעטן אָפּצוטוהן פון זיך די זוהמא פון עשו, און עשו דאַרף פאַרגרעסערן און פאַרמערן דעם חלק פון יעקב וואָס געפינט זיך אין איהם - ער אַליין זאָל זיך אויפהייבן און זיך איבעראַרבעטן צום גוטן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער אַליין איהם גערופן מיט'ן נאָמען 'יעקב', צוליב דעם וואָס 'וידו אוחזת בעקב עשו', ווייל זיין הויפּט חשיבות איז דאָס וואָס זיין האַנט האָט אָנגעכאַפּט די פּערשט פון עשו, ווייל ער האָט אַ שייכות מיט'ן שלעכטס אָבער ער שטאַרקט זיך דערויף, און נאָר פון דעם האָט דער אויבערשטער אַ נחת רוח, ע"כ.

**אַנדערע** זאָגן, אַז צוליב דעם טעם האָט יצחק געוואָלט בענטשן עשו'ן, ווייל זעהענדיג אַז עשו איז באַשאַפן געוואָרן און געבוירן געוואָרן מיט שלעכטע נאַטורן, האָט ער געזאָגט, אַז וויבאַלד עשו איז נישט שולדיג אין זיין מצב, וועט ער איהם בענטשן, מה שאין כן זיין ברודער יעקב, פאַרדינט נישט צו באַקומען שכר פאַר זיין עבודה, ווייל ער איז דאָך אַ 'צדיק מעיקרא', אַ צדיק גמור פונעם געבורט. פונקט אין יענע מינוט איז יעקב אַריינגעקומען צו יצחק, און ער האָט איהם געזאָגט: 'אנכי עשו בכורך' (כז, יט). וויסן זאָלסטו, טאַטע טייערער, אַז איך בין נישט אַזאַ 'צדיק גמור', אַזוי ווי דו מיינסט, ווייל עס האָט זיך אָנגעקלעבט אין מיר אַביסל פון עשו'ס רשעות, און איך דאַרף האָרעווען מיין גאַנץ לעבן, אָפּצורייניגן זיך פון די זוהמא פון עשו הרשע. ממילא, קומט מיר אויך אַ חלק אין דיינע ברכות.

**ווען** יצחק האָט געהערט די ווערטער פון יעקב, האָט ער איהם צוגערופן און ער האָט איהם געטאַפּט, און געזאָגט, 'הקול קול יעקב, והידים ידי עשו'. דיין קול איז טאַקע פון די קדושה, אָבער איך זעה אַז עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דיר פון די מידות פון עשו הרשע, דורך דעם וואָס דו האָסט אָנגעכאַפּט זיין פוס, וועגן דעם וועל איך דיך בענטשן מיט די ברכה 'ויתן לך'.

**לויט** דעם, קען מען אויך פאַרשטיין דאָס ענין ווען עשו הרשע איז צוריקגעקומען פון זיין פאַנג, האָט ער אויסגעשריגן (כז, לו) 'הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמיים'. ווען יצחק האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט, אויב יעקב האָט אויך אַ שייכות מיט 'ערמה' - פּאָפּעריי, צוליב די רשעות פון עשו וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט אין איהם, און יעקב דאַרף אַרבעטן שווער צו רייניגן זיך דערפון, אויב אַזוי, 'גם ברוך יהי' (שם לג).

---

**י.** ענליך זאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (ספר 'ליקוטי הרי"ם'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כז-כח) 'ויהי עשו איש יודע ציד וגו' ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו'. זאָגט רש"י, אַז עשו האָט געוואוסט ווי אַזוי צו 'פאַנגען' און אויספּאָפּען זיין טאַטן מיט'ן מויל, ווען ער האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי מ'גיט מעשר פון זאַלץ און שטרוי. האָט יצחק געמיינט אַז ער איז ערליך און וויל מקיים זיין מצוות, און צוליב דעם האָט ער איהם ליב געהאַט, ווייל ער האָט איהם 'געפאַנגען' דורך אויסנאַרן מיט זיין מויל.

דאַרף מען פאַרשטיין, אפילו אויב מ'זאָל זאָגן אַז עשו איז טאַקע 'ערליך' און 'פרום', און ער גיט מעשר פון זאַלץ און פון שטרוי, אבער וואָס פאַר אַ חשיבות האָט עס, אַנטקעגן די געוואַלדיגע עבודה פון יעקב אבינו, 'יושב אהלים', וועלכער איז אינגאַנצן אַריינגעטוהן אין תורה און עבודת ה'. נאָר וואָס דען, יצחק אבינו האָט געמיינט, אַז יעקב איז אַן 'איש תם' - אַ 'בטלן', וואָס פאַרשטייט בכלל נישט צו פּאָפּעריי, און אויב אַזוי, איז עס דאָך נישט קיין רבותא אַז ער זיצט און לערנט אַ גאַנצן טאָג. די 'עבודה' פון עשו האָט אַ גרעסערע מעלה, אַז כאָטש ער איז אַ 'סוחר', אַן 'איש שדה', איז ער אַ מדקדק במצוות... און וועגן דעם האָט יצחק ליב געהאַט עשו'ן, מער ווי

**מ'דאַרף** וויסן, אַז די הויפּט-סיבה פאַרוואָס 'עשו' (דער יצר הרע) איז באַשאַפן געוואָרן, איז געווען כדי עס זאָל זיין אַ זכות פאַר אידן ווען זיי שטאַרקן זיך איבער איהם.

**אַזוי** טייטשט דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע ('מהר"י מבעלזא', פרשתינו, ד"ה 'ותלך'), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כה, כב-כג) 'ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי ותלך לדרוש את ה'. ויאמר ה' לה שני גוים בבטנך וגו', ולאום מלאום יאמץ'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס האָט דאָ פּאַסירט אַזוי שרעקליך, אַז צוליב דעם האָט רבקה זיך געדאַרפט צואיילן און גיין 'לדרוש את ה'', און וואָס האָט מען איר געענטפערט?

**ענטפערט** דער בעלזער רב זי"ע, רבקה האָט אַוודאי געוואוסט, אַז זי וועט האָבן אַ זון אַ רשע, ווי די גמרא זאָגט (נדרים לא.) 'כי ביצחק ייקרא לך זרע - ולא כל יצחק'. נאָר אַ טייל פון יצחק'ס קינדער ווערן אָנגערופן זיינע קינדער, ווייל זיי וועלן זיך פירן ערליך. נאָר רבקה איז געקומען פרעגן, פאַרוואָס איז אויף איר טאָקע נגזר געוואָרן, אַז זי זאָל האָבן איין זון אַ רשע. ספּעציעל נאָך דעם ווי זי האָט געבעטן אויף קינדער, פאַרוואָס זאָל דאָס פּאַסירן מיט איר?

**'ויאמר** ה' לה, שני גויים בבטנך וגו' ולאום מלאום יאמץ'. דאָס הייסט, דייקא נאָך דעם ווי דער אויבערשטער האָט געהערט איר תפילה, האָט ער איר געגעבן אַ זון אַ צדיק, און פאַר זיין שלימות, האָט דער אויבערשטער איהם 'מזכה געווען', אַז צוזאַמען מיט איהם זאָל געבוירן ווערן אַ רשע, עשו, וועט וועט שטיין קעגן איהם דאָס גאַנצע לעבן, און ער וועט איהם כסדר אונטערדרוקן פאַרשידענע 'מניעות', איהם צו שטערן פון תורה און עבודת השם, און פון יעדן דבר שבקדושה[יא]. אויך בגשמיות, אין ענינים פון עולם הזה, וועט עשו איהם נישט לאָזן צורוה. ווען יעקב וועט זיך שטאַרקן איבער איהם, וועט ער פון דאָרט אָנקומען צו אַ גוטן תכלית[יב]. אַזוי איז ערפילט געוואָרן רבקה'ס פאַרלאַנג אויפ'ן בעסטן אופן.

**אויך** דעם זאָגט דער פסוק, 'ולאום' - דיין ערליכער זון, 'מלאום' - דורך זיין ברודער דער רשע.

---

יעקב. אָבער ווען עס איז צום סוף קלאָר געוואָרן פאַר יצחק יעקב'ס 'געריבנקייט' ביים צונעמען די ברכות, האָט ער געזאָגט, יעצט אַז איך זעה אַז יעקב איז אַ גרעסערער 'פּאָפּער' ווי דו, און פונדעסטוועגן לערנט ער טאָג און נאַכט און ער דינט דעם אויבערשטען, אויב אַזוי, איז ער דאָך חשוב'ער פון עשו, 'גם ברוך יהיה'...

**יא.** איינער פון די נקיי הדעת האָט געזאָגט על דרך צחות, איך האָב אַ 'חברותא', ביי יעדן שיעור וואָס איך לערן. דער דאָזיגער 'חברותא' מיינער, איז אַ מורא'דיגער 'דייקן'. ער שטעלט זיך צו יעדן טאָג צו דער צייט ווען איך האָב נעכטן אָפּגעקלערט היינט זיך צו זעצן לערנען. ער פאַרשפּעטיגט קיינמאָל נישט, אַפילו מיט אַ סעקונדע... ער פעדערט זיך אַפילו צו קומען פאַר מיר, ווייל יעדעס מאָל ווען איך קום אין בית המדרש לערנען, זיצט ער שוין ביי מיין אָרט, און ער וואַרט אויף מיר.. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער איז אַ גרויסער בעל כשרון... ער האָט גאָר אַ שאַרפן קאָפּ... ווען מ'דאַרף, לערנט ער מיט מיר גאַנצע סוגיות 'על דרך הפלפול' - וואונדער איבער וואונדער... אויב איר ווילט וויסן ווער ס'איז דער דאָזיגער 'חברותא' מיינער - דאָס איז דער 'יצר הרע', בכבודו ובעצמו... ער שטייט אויף דער וואַך 'יומם ולילה לא ישבותו'...

**יב.** וויסן דאַרף מען, אַז דאָ רעדט מען נישט נאָר ברוחניות, נאָר דאָס גאַנצע חיות פון אַ מענטש אויף דער וועלט, קומט פון די שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער. דער גאַנצער חיות פון אַ מענטש איז נאָר פון דעם וואָס ער האָט קעגנערשאַפט און מלחמות, און אָן דעם, איז זיין לעבן נישט קיין לעבן. דער מענטש וואָס האָט שכל, גייט אַדורך אַלע שוועריגקייטן אין תורה און עבודת השם, און דורך דעם ווערט ער געראַטעוועט פון צו דאַרפן מיטמאַכן שוועריגקייטן בגשמיות.

אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פרשתינו, עה"פ 'ויתן לך האלקים'), צו יעקב, האָט יצחק געזאָגט, 'ויתן לך האלקים', און פאַר עשו, האָט ער געזאָגט 'משמני הארץ יהיה מושבך... ועל חרבך תחיה'.

זאָגט דער 'חתם סופר', ביי אידן, זאָגט דער פסוק (ויקרא כו, ו) 'ונתתי שלום בארץ וגו' וחרב לא תעבור בארצכם'. די כוונה פון פסוק איז, לויט ווי די משנה זאָגט (אבות פ"ד, מכ"ב) 'על כרחך אתה חי'. על דרך מליצה, זאָגן די ספרים, אַז דאָס חיות פון מענטש ('אתה חי') קומט פון דעם וואָס ער האָט אַן 'על כרחך' (דאגות און פראָבלעמען וואָס קומען אָן

'יאמץ' - וועט ער זיך אָנשטרענגען, און דערגרייכן זיינע הויכע מדריגות. דייקא דורך עשו, וועט יעקב זוכה זיין צו די מדריגה אָנגערופן צו ווערן 'בחיר שבאבות' (ב"ר פע"ו, א). אָן 'עשו', האָט דער אויבערשטער נישט קיין צורך אין יעקב'ס עבודה, ווייל מלאכים וואָס פאַרמאָגן נישט אַ יצר הרע, זענען דאָ גענוג אין הימל - צענדליגער טויזנטער פון זיי.

**את בכורתך - די מעלה פון אַ איד וואָס הייבט אָן שטענדיג פונדאָסנייי**

**אין** דער היינטיגער סדרה (כה, לד) לייענען מיר: 'ויבז עשו את הבכורה'. האָבן צדיקים געטייטשט, 'בכורה' איז מרמז אויף די עבודה פון אַ איד שטענדיג זיך צו באַנייען, און אָנהייבן אַלעס פונדאָסנייי, גלייך ווי ער וואָלט יעצט געבוירן געוואָרן. 'עשו' איז די סטרא אחרא, וואָס לאַכט אָפּ פון די חשיבות פון די התחלה. ער פרובירט אַלץ אונטערלייגן פאַרשידענע שוועריגקייטן אַז דער מענטש זאָל נישט אָנהייבן פונדאָסנייי, מיט פאַרשידענע טענות, ווי צום ביישפּיל, אַז אויך נעכטן האָסטו געוואָלט זיך באַנייען, און ענליכע טענות[יג], כדי איהם אַריינצוברענגען אין יאוש רח"ל[יד]. דאַרף מען וויסן, אַז דאָס איז נישט אַנדערש ווי די עצה פונעם יצר.

---

צום מענטש בעל כרחו, פון דעם שעפּט ער חיות), ווייל חז"ל זאָגן (כתובות נט:) 'בטלה מביאה לידי שעמום'. אַ מענטש וואָס דרייט זיך ליידיג און ער האָט נישט קיין מניעות, עס פעלט איהם גאָרנישט אויף דער וועלט, פאַר'מיאוס'ט ער זיך אין לעבן.

ברענגט דער 'חתם סופר', אַז ס'איז געווען איינער וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן רח"ל, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ בריוו נאָך זיך, אַז פון זיין גאַנץ עשירות און אַלע זיינע תאוות, האָט ער זיך פאַר'מיאוס'ט אין דער וועלט און האָט זיך גענומען דאָס לעבן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אין די טבע פון דער וועלט, אַז דער מענטש זאָל האָבן דאגות און צער, און דערנאָך זאָל ער ווידער פאַרדינען. אַראָפּ און אַרויף, ער קויפט און ער פאַרקויפט. אַמאָל איז נישט גוט ח"ו, און אַמאָל איז איהם גוט. ער האָט נישט קיין שלום און מנוחה, ער איז אייביג פאַרמאַטערט, אָבער דאָס איז זיין גאַנץ חיות.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'ועל חרבך תחיה'. דאָ מיינט מען נישט אַ שווערד פון מלחמה, נאָר אַז דער מענטש זאָל שטענדיג קעמפן מיט זיך אַליין, און פון דאָרט נעמט ער זיין חיות. אָן דעם, וואָלט ער זיך פאַר'מיאוס'ט אין לעבן, אַזוי ווי אַן אָנגעפּאַשעטער אָקס וואָס האַלט אָט-אָט ביים שטאַרבן. דאָס איז די ברכה פון 'ועל חרבך', דורך די 'שווערד', 'תחיה' - וועסטו לעבן... דאָס אַלעס איז נאָר בנוגע צו גוים. אָבער אַ איד באַקומט זיין חיות מיט יגיעה, ווען ער האָרעוועט אין תורה און עבודת השם. 'יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא', און ווי דער פסוק זאָגט (דברים ל, כ) 'כי הוא חייך ואורך ימיך'. אויך זאָגט דער פסוק (שם יט) 'ובחרת בחיים'. וועגן דעם האָט משה געזאָגט צו די אידן ווען ער האָט זיי געבענטשט (ויקרא כו, ד-ו) 'ונתתי גשמיכם בעתם וגו', והשיג לכם דיש את בציר וגו' וחרב לא תעבור בארצכם'. ווייל נאָך דעם ווי זיי היטן די תורה ('בחוקותי תלכו'), האָבן זיי שוין אַ חיות פון דער האָרעוואַניע פון תורה, און זיי דאַרפן נישט האָבן אַ שווערד און טירדות כפשוטם. נאָר 'עשו' דאַרף האָבן דעם 'על כרחך' פון שוועריגקייטן אויף דער וועלט... אָבער יעקב, מיט זיין בחירה צו האָרעווען אין לערנען, שפּאָרט זיך איין די אַנדערע יסורי עולם הזה.

**יג.** ס'איז באַקאַנט אַז דער רוה-טאָג פון די גוים, איז זונטאָג. דאָס איז מרמז, אַז זיי ווילן אַוועקכאַפּן דעם כח פון באַנייאונג פון אידישע קינדער, און וועגן דעם פראַווען זיי אַ חגא אין ערשטן טאָג פון דער וואָך, אָבער אידן זענען זיי מקדים, דורך מוסיף זיין מחול על הקודש באַלד ווען דער שבת גייט אַרויס, קומט אויס אַז די ערשטע מינוטן פון די ששת ימי המעשה, זענען הייליג צום באַשעפער מיט די קדושה פונעם שבת, און מיט דעם זענען זיי ממשיך אויף זיך דעם כח צו באַנייען זיך.

און צוליב דעם טעם, איז די דריטע סעודה פון שבת (שלש סעודות), אַנטקעגן יעקב אבינו ע"ה (ווי מיר זאָגן, 'הנה אנכי בא לקיים מצות סעודה שלישית של יעקב נגד יעקב וכו', ויקוים בנו מקרא שכתוב והאכלתיך נחלת יעקב אביך), ווייל דער כח פון התחדשות - באַנייאונג - איז אונזער ירושה פון יעקב אבינו ע"ה, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט די בכורה פון עשו הרשע.

**יד.** אַזוי פירט זיך עשו הרשע, צו זאָגן 'הנני הולך למות' (כה, לב). אַ איד דאַרף אָבער שטענדיג זיין בשמחה, און לעבן מיט אַ חיות, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, איך בין בכח מחיה מתים צו זיין, אָבער ס'איז פיל וויכטיגער לעבעדיג צו מאַכן די לעבעדיג...

די הויפּט עבודה פון אַ איד איז, זיך שטענדיג צו האָט געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל מ'דאַרף שטאַרקן[טו], פאַרלאָזן די אַלטע וועגן[טז], און זיך וויסן און גלייבן, אַז אין יעדן מצב וואָס ער זאָל נישט באַנייען, און נישט קוקן אויף די מכשולות וואָס ער זיין, טוט דער אויבערשטער שטענדיג אַרויסקוקן צו

---

דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט אַמאָל געזעהן איינע פון די חסידים, זיצנדיג אין בית המדרש שפּעט ביינאַכט און לערנט, אָבער זייענדיג זייער מיד, האָט ער פון צייט צו צייט איינגעדרימלט, און דערנאָך האָט ער יעדעס מאָל זיך צוריק אויפגעכאַפּט, און אויסגעשריגן צו זיך אַליין, 'איך וועל דאָך באַלד שטאַרבן און ממילא דאַרף איך אויסנוצן די צייט ווען איך געפין זיך נאָך אויף דער וועלט'... האָט דער רוזינער איהם געזאָגט:

- זאָלסט נישט זאָגן אַזוי, ווייל אַזוי פּירט זיך עשו צו זאָגן, 'הנה אנכי הולך למות'. דו דאַרפסט זיך ענדערש מעורר זיין דורך זאָגן, איך לעב דאָך, און אַז איך שלאָף הייסט עס דאָך נישט געלעבט...

**טו.** אַ מורא'דיג וואָרט, האָט געזאָגט דער מאַקעווער רב, הגאון בעל 'עטרת משה' זצ"ל, אויף די ווערטער פון חז"ל (יומא פה:) אויפ'ן פּסוק (ירמיה יז, יג) 'מקוה ישראל ה' - מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. איז שווער, די משנה זאָגט (מקוואות פ"א מ"א) 'שש מעלות במקוואות', און די טהרה פון אַ קוואַל איז גרעסער ווי די טהרה פון אַ מקוה, אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרגלייכט נישט דער תנא די טהרה וואָס דער אויבערשטער רייניגט אידישע קינדער, צו די טהרה פון אַ קוואַל, וואָס שטייט העכער ווי די טהרה פון אַ מקוה?

ענטפערט דער מאַקעווער רב זצ"ל, אַ קוואַל איז ריין לויטער וואַסער וואָס איז שטענדיג ריין, אַנדערש ווי אַ מקווה, וואָס איז געשעפּטע וואַסער וואָס האָבן נישט אין זיך קיין טהרה. אָבער אין דער מינוט ווען מ'מאַכט אַ 'השקה' מיט רעגן-וואַסער, ווערן זיי וואַסער וואָס מאַכן ריין, אויך נאָך דעם ווי די 'השקה' צום רעגן-וואַסער האָט זיך אָפּגעטוהן. צוליב דעם האָט מען צוגעגליכן די טהרה צו אַ מקוה, כדי אונז צו לערנען, אַז אויב אַ איד הייליגט זיך אַפילו 'איין מינוט', אויב ער האָט זיך באַהאָפטן - אַפילו אויף אַ סעקונדע - מיט אַ 'השקה' צו דעם באַשעפער כביכול, וואָס ער איז דער מקור פון טהרה, איז ער שוין געוואָרן ריין...

**טז.** על דרך משל, אַ איד וואָס האָט גאָר אַסאַך געגעסן... און זיין קערפּער איז געוואַקסן 'אין דער לענג און ברייט', ביז עס האָט געהערשט אַ סכנה חלילה אויף זיין לעבן. איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם פאַרשריבן אַ שטרענגע 'דיעטע': אינדערפרי, זאָל ער עסן נאָר צווי שטיקלעך ברויט, ביי מיטאָג, דאַרף ער עסן נאָר איין צוגאָב, און צו נאַכט-מאָל, זאָל ער עסן נאָר גרינצייג. זיינע בני בית האָבן צוגעגרייט פאַר איהם דעם סדר פון די מאכלים, אָבער עס זענען אַדורך דריי חדשים, און גאָרנישט רירט זיך פון אָרט... אדרבה, ער איז נאָר געוואַקסן ברייטער און ברייטער... ביז זיינע בני בית האָבן איהם גענומען אויספרעגן צי ער עסט טאַקע דאָס וואָס זי גרייט-צו פאַר איהם, לויט'ן באַפעל פונעם דאָקטאָר. אַלזאָ, עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ריכטיג טאַקע, ער פאָלגט טאַקע דעם דאָקטאָר'ס 'דיעטע', אָבער ער האַלט אויך עשו'ס דיעטע... האָבן זיי געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, וואָס איז געווען 'עשו'ס דיעטע'?

האָט ער געענטפערט, אַז דער פּסוק זאָגט, ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה (כח, ח-ט) 'וירא עשו כי רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו, וילך עשו אל ישמעאל ויקח את מחלת בת ישמעאל בן אברהם אחות נביות על נשיו לו לאשה'. זאָגט רש"י, 'הוסיף רשעה על רשעתו, שלא גרש את הראשונות'. דאָס הייסט, ער האָט מוסיף געווען צו נעמען נאָך אַ פרעה, אַ מרשעת, אין צוגאָב צו די מרשעת'ן וואָס ער האָט שוין געהאַט פון פריער. 'דאָס זעלבע איז מיט מיר' - האָט ער געזאָגט. 'ריכטיג טאַקע, אַז כ'האָב אָנגענומען דעם דאָקטאָר'ס דיעטע, אָבער דאָס, נאָר אַלס אַ צוגאָב צו מיין פריערדיגן 'סדר אכילה', עס איך אויך די מאכלים וואָס דער דאָקטאָר האָט באַפוילן... ממילא, 'מה הועילו חכמים בתקנתן'... ווייל דעם דאָקטאָר'ס כוונה איז דאָך געווען נאָר אַז ער זאָל אָפּלאָזן זיין פריערדיגן וועג פון עסן, און ער זאָל אָננעמען די נייע דיעטע, אָבער אויב ער האַלט-אָן דאָס פריערדיגע, האָט מען דאָך גאָרנישט אויפגעטוהן...

דער נמשל איז, איינער וואָס גייט אויף נישט-ערליכע וועגן און טוט פאַרקערט פונעם רצון הבורא חלילה, און כדי צו פאַרבעסערן זיינע וועגן, נעמט ער זיך לערנען און דאַווענען, דאַרף ער אָבער וויסן, אַז דאָס איז נישט גענוג, ווייל אַזוי לאַנג ווי ער לאָזט נישט איינגאַנצן אָפּ זיינע פריערדיגע געוואוינהייטן, איז ער נישט אַנדערש פון יענעם 'חכם', וועלכער האָט נישט אויפגעהערט עסן זיינע אַלטע מאכלים, נאָר ער האָט נאָר צוגעלייגט די נייע 'דיעטע'...

איהם אַז ער זאָל תשובה טוהן[ז], און אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט ער ווידער שיינען אַזוי ווי פריער[ח].

**דער** מענטש טאָר זיך נישט מייאש זיין צוליב די שוועריגקייטן וואָס שטאַרקן זיך איבער איהם, און זיי זענען גורם אַז ער זעהט נישט אַ סימן ברכה אין זיין עבודה, ווייל דער מענטש האָט אַ פליכט צו קעמפן און האָרעווען[ט], און אויב ער וועט טוהן דאָס זייניגע, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן און איבערגעבן דעם שונא (דעם יצר) אין זיינע הענט.

---

**יז.** דאָס קען מען אויך לערנען פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כז, טו) 'ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות ותלבש את יעקב בנה הקטן'. דאַרף מען פאַרשטיין, יעקב און עשו זענען דאָך געווען צווילינג, און זענען צוזאַמען געבוירן געוואָרן, אויב אַזוי, פאַרוואָס ווערט עשו גערופן אין פסוק מיט'ן נאָמען 'גדול', און יעקב איז דער 'קטן'?

ענטפערט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, על דרך משל, איינער האָט געוויינט פאַר זיין משפחה, אַז זיין אַלטער טאַטע האָט יעדער אויפגעהערט צו זעהן און צו רעדן ל"ע, און צומאַרגנס, הערט ער ווי זיין פיר-יעריג יונגעלע וויינט אַז זיין קליינער ברודער, וועלכער איז נאָך וויניגער ווי אַ יאָר אַלט, רעדט נישט און גייט נישט אויף די פיס... איז געוואָרן אַ גרויסער געלעכטער אין הויז... דער טעם דערפון אוז, ווייל דער קליינער, גייט 'נאָך נישט' אויף די פיס, און ער רעדט 'נאָך נישט', אָבער ער וועט אם ירצה השם גיין אויף די פיס און ער וועט נאָך רעדן און רעדן... אָבער דער אַלטיטשקער, האָט 'אויפגעהער'ט צו גיין אויף די פיס און צו רעדן מיט'ן מויל, און זיין מצד איז יעדער האָפענונגסלאָז, ווייל ער וועט שוין נישט קענען גיין און רעדן... און אַזאַ זאַך, איז טאַקע גורם אַ צער און ווייטאָג.

דער נמשל איז, יעקב און זיינע קינדער ווערן אָנגערופן 'קטן', אונז צו לערנען, אַז אפילו אויב זיי פאַלן אַמאָל ח"ו איז עס נישט אַ גענוגנדע סיבה צו וויינען און אַריינפאַלן אין יאוש, ווייל זייער גאַנצער עתיד איז נאָך פאַר זיי - זיי קענען כסדר זיך ווידער באַנייען און טוהן דעם רצון הבורא, אָבער עשו איז שוין 'גרייט' מיט זיין רשעות, ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַררעכטן, ממילא ווערט ער אָנגערופן 'גדול', ער איז שוין ווי אַן 'ערוואַקסענער' רשע רח"ל, און דאָס איז טאַקע אַ ווייטאָגליכע ערשיינונג.

נאָך אַ תירוץ, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געזאָגט, פאַרוואָס יעקב ווערט אָנגערופן 'קטן', און עשו ווערט באַצייכנט אַלס 'גדול' ('מאמר מרדכי', געברענגט אין ספר 'יסוד צדיק', פ' תולדות): ווען אַ קינד איז קליין, טוהען די עלטערן איהם נישט איבערקוקן צי ער איז ריין, נאָר מ'האַלדזט איהם און מ'קושט איהם, און מ'ווייזט איהם אַרויס אַסאַך ליבשאַפט, אָבער אַ 'גרויס' קינד וואָס איז פאַרשמירט, טוהען אַלע זיך דערווייטערן פון איהם, ווייל ער דאַרף דאָך שוין האָבן גענוג שכל צו האַלטן ריין זיין קערפּער. דעריבער ווערט יעקב אבינו ע"ה אָנגערופן אַלס 'קטן', קליין, ווייל יעקב און זיינע קינדער זענען שטענדיג באַליבט ביים באַשעפער, זייער טאַטע אין הימל, וועלכער האַלדזט זיי און קושט זיי כביכול אין יעדן מצב וואָס זיי זענען, כאָטש זיי זענען יעדער אַמאָל פאַרשמירט מיט עבירות רח"ל, אָבער די גוים, די קינדער פון עשו, רופט דער פסוק מיט'ן נאָמען 'הגדול' - דער גרויסער - ווייל פון זיי, דערווייטערט זיך דער אויבערשטער און ער העלפט זיי נישט, ווייל זיי זענען פאַרשמירט, און ווען אַ 'גרויסער' איז פאַרשמירט, וויל קיינער נישט שטיין נעבן איהם...

**יח.** אַזוי ברענגט דער 'ישמח ישראל' (פרשתינו, אות י') אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע, אויפ'ן פסוק ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה', ווען מ'טוט מיסטיגן אַ פעלד, גיט עס אַרויס אַ שלעכטן ריח, אָבער עס שאַדט נישט פאַר'ן פעלד אַליין, ווייל מיט די צייט וועט דער שלעכטער גערוך אַוועקגיין און עס וועט אַרויסקומען אַ גוטער ריח פון די פירות. דאָס האָט יצחק אבינו ע"ה געזאָגט: 'ראה ריח בני כריח השדה' - זעה נאָר, דער ריח פון מיין זון איז אַזוי ווי דער ריח פונעם פעלד, אַז אויך אויב ער זינדיגט ח"ו, און האָט אַ 'שלעכטן ריח' ברוחניות רח"ל, פונדעסטוועגן, איז דאָס נישט גורם אַ 'פגם' אין זיין עצם פנימיות, ווייל אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט זיין גוטער ריח צוריקקומען, ווייל: אשר ברכו ה' - און די ברכה פון באַשעפער בלייבט שטענדיג אויפ'ן מענטש.

**יט.** אָט דאָס איז טאַקע געווען דער חילוק צווישן יעקב און עשו: עשו'ס גאַנצע נאַטור און תכונה איז פוילקייט, און אַ ווילן גאָרנישט צו טוהן אויף דער וועלט... אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו זיין ברודער יעקב (כה, ל), 'הלעיטני

אַזוי געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה (כה, כו) 'ואחרי כן יצא אחיו, וידו אוחזת בעקב עשו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט יעקב אָנגעכאַפּט דעם פערשט פון עשו'ס פוס? צי האָט ער דען געמיינט, אַז ער וועט קענען צוריקקערן עשו'ן, נאָך דעם ווי עשו איז שוין אַרויסגעקומען אויף דער וועלט? וואָס האָט יעקב געזוכט אויפצוטוהן מיט'ן אָנכאַפּן זיין פוס?

**האָט** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע געזאָגט אַ כוונה דערין, לויט ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער גאַנצער יאוש פון אַ מענטש, ברוחניות ובגשמיות, נעמט זיך פון דעם וואָס ער מיינט אַז ער איז דער וואָס טוט... ממילא, ווען ער זעהט אַז עס איז איהם נישט געלונגען, פאַלט ער אַריין אין יאוש און ער לאָזט אַלעם איבער. אָבער דער מענטש וואָס גלייבט, ווייסט אַז אַלעם וואָס דער מענטש טוט, איז נישט מער ווי אַ השתדלות ווי ווייט מעגליך, אָבער דער עיקר ווערט אַלעם געטוהן דורך דעם אויבערשטען, דער 'אדון כל המעשים', און מיט אט די אמונה, וועט ער זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, ווייל עס ווענדעט זיך דאָך נישט אין איהם, ממילא זאָל ער טוהן וויפיל ער קען, און נישט מער.

**דאָס** איז די כוונה פון 'וידו אוחזת בעקב עשו'. ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַז ער פאַרלירט דאָ די בכורה (ווייל עשו ווערט געבוירן פאַר איהם), האָט ער געטוהן אַלעם מעגליכעס און אָנגעכאַפּט זיין פערשט...

און אין דעם זכות איז די בכורה צום סוף, טאַקע אָנגעקומען צו איהם, ווען עשו האָט זיך באַנאַרישט און פאַרקויפט די בכורה צו יעקב אין אויסטויש פאַר אַ טאָפּ לינדזן, ווייל דער אויבערשטער - 'אלוקים יראה ללבב' - האָט געזעהן דעם 'פלאַקער' אין יעקב'ס האַרץ, צו באַקומען די בכורה כדי צו קענען דינען דערמיט דעם באַשעפער, און ער האָט איהם געהאָלפן ערפילן זיין רצון.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז אויך ווען עס זעהט אויס פאַר'ן מענטש אַז אַלע טויערן זענען פאַרשפאַרט פאַר איהם, אָבער אויב ער האָט אַ השתוקקות מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה, און ער רוהט נישט, נאָר ער טוט אַלעם מעגליך, וועט דער אויבערשטער צום סוף איהם העלפן אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע, און ער וועט זוכה זיין צו דעם וואָס זיין האַרץ גליסט ברוחניות.

### משמרתי, חוקותי - טוהן גוטס מיט אַנדערע

**אין** דער היינטיגער סדרה (כו, ג-ה) לייענען מיר: 'ואהיה עמך ואברכך וגו', עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי'. זאָגט דער 'ספורנו', 'וישמור משמרתי' מיינט, ער האָט שטענדיג געטוהן די ספּעציעלע 'משמרת' (היטונג) וואָס איז געאייגנט פאַר דעם אויבערשטען, וואָס דאָס איז, צו טוהן חסד מיט אַנדערע[ב], ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כה, י), 'כל אורחות ה' חסד ואמת', אַלע וועגן פון דעם אויבערשטען,

נא מן האדום האדום הזה'. ער האָט געוואָלט אַז יעקב זאָל אַריינגיסן די רויטע לינדזן אין זיין מויל... אַפילו אַזאַ קליינע פעולה ווי עסן אַ מאכל מיט אַ לעפל פונעם טעלער, האָט ער נישט געוואָלט טוהן...

**ב.** ווען דער לובלינער רב, הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, האָט געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה 'חכמי לובלין', איז ער געקומען קיין אַמעריקע כדי צו שאַפן געלט פאַר די ישיבה און דעקן די חובות. ער האָט געוויילט אין אַמעריקע חודש תשרי שנת תרפ"ז. פאַר שמחת תורה, האט זיין משמש וואָס האָט איהם איבעראל באַגלייט, נישט גוט געפילט ל"ע, און ווען רבי מאיר שפירא איז צוריקגעקומען פון די הקפות, האָט ער איהם געטראָפן ליגן אין בעט. ס'איז איבעריג צו זאָגן די הרגשה וואָס דער משמש האָט געשפירט, צו זיין אַליין אין בעט שמחת תורה ביינאַכט, אנשטאט צו זיין אין שול און זיך פרייען מיט די שמחה פון דער תורה. האָט רבי מאיר שפירא אָנגעטוהן דעם טלית, און אָנגעהויבן זאָגן מיט זיין מעכטיגע און הערליכע שטימע, די פסוקים פון 'אתה הראית', ווי איינער וואָס שטייט אַלס שליח ציבור אין אַ פול-געפּאַקטער שול... אַזוי האָט ער אָנגעפירט די הקפות זינגענדיג און טאַנצנדיג, אַלץ כדי אַריינצוגעבן אַ גוטן געפיל אין האַרץ פון זיין משמש...

דעם אמת געזאָגט, האָט רבי מאיר שפירא נישט געדאַרפט האָבן אַ 'ספר תורה' צו טאַנצן דערמיט אין דער אכסניא פאַר דעם משמש, ווייל אין צוגאָב צו דעם וואָס ער אַליין - דער לובלינער רב - איז געווען אַ 'לעבעדיגע ספר תורה', איז דאָך דער עצם אַקט פון גמילות חסדים, אַ בחינה פון 'גופי תורה'...

זענען חסד און אמת. 'ולהורות חטאים בדרך' און צו לערנען די זינדיגע מענטשן דעם גוטן וועג פון תשובה. און דאָס האָט אברהם געטוהן ווען ער האָט אויסגערופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און ער האָט אויך געהיטן 'מצוותי חוקותי ותורותי', עכ"ל.

**פרעגט** דער 'ספורנו', פאַרוואָס געפינען מיר אין פסוק נאָר ביי יצחק, אַז דער אויבערשטער האָט איהם געבענטשט אין זכות פון זיין טאַטן אברהם, און נישט אין זיין אייגענעם זכות, אָבער אברהם און יעקב האָבן זוכה געווען געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטען, אין זייער אייגענעם זכות?

**ענטפערט** דער 'ספורנו', אַז דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן נאָך איידער יצחק איז נתעורר געוואָרן אויסצורופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען און מזכה צו זיין מענטשן, אָבער נאָך דעם וואָס יצחק האָט אויסגערופן הויך אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, זאָגט דער פסוק אַז אבימלך איז געקומען צו איהם פון גר, און זיי האָבן געזאָגט צו יצחק, ראה ראינו כי היה ה' עמך וגו', אתה עתה ברוך ה', און שפעטער געפינען מיר נישט אַז זיי האָבן זיך געקריגט מיט יצחק, אַזוי ווי פריער.

**יעקב**, אָבער, האָט דער אויבערשטער נישט אָנגעהאָנגען די ברכה פאַר איהם אין זכות פון זיינע אבות, אברהם און יצחק, וויל יעקב איז שוין פון די יונגוויים-אָן געווען אַ 'יושב אהלים', און געלערנט תורה מיט אַנדערע מענטשן, בפרט אין די ישיבה פון שם ועבר, 'ששם עלה כל מבקש ה' בלי ספק' - וואָס דאָרט איז זיכער געקומען לערנען יעדער איינער וואָס האָט געזוכט דעם אויבערשטען, עכ"ל.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער וויל אַז די מענטשן זאָלן טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און דער וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע, איז שטענדיג אָנגעגרייט צו באַקומען די ברכה פון דעם אויבערשטען[כא].

**ענליך** צו די ווערטער פונעם 'ספורנו', טייטשט אויך דער רמב"ן ז"ל, 'וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי', אַז 'חוקותי' מיינט, 'ללכת בדרכי ה', להיות חנון ורחום עושה צדקה ומשפט ולצוות את בניו ואת

---

די וועלט זאָגט, די מעלה פון וויין איז, אַז עס מאַכט זיך 'וויינעגער' כדי צו דערפרייען אַנדערע מענטשן. דאָס 'פלעשל' ווערט וויניגער און ליידיגער, אָבער די מענטשן וואָס טרינקען דערפון, ווערן אַלץ פרייליכער און פרייליכער...

**כא.** אַ מורא'דיגע מעשה, האָט פאַסירט מאָנטאָג פרשת חיי שרה תשפ"ב. אַ טייערער יונגערמאַן, מיט אַ 'גאָלדן הארץ', ר' מענדל שליט"א, האָט געזעהן אַ איד אַרומגיין איבער די 'שטיבלעך' אין בית שמש, זאַמלענדיג געלט פאַר הכנסת כלה, צו דעקן די חובות וואָס האָבן זיך צוזאַמענגענומען ביי איהם נאָכ'ן פירן עטליכע קינדער אונטער דער חופה אין אַ גוטער און מזל'דיגער שעה. ר' מענדל האָט באַמערקט אַז דער איד הינקט אויף אַ פוס, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס קומט פאַר מיט זיין פוס, האָט דער איד געענטפערט, אַז ער ליידט פון אַ 'רויז' אויפ'ן פוס ל"ע... איז ר' מענדל געווען ערשטוינט און איהם געפרעגט, 'אויב אַזוי, וואָס לויפט איר אַרום נאָך געלט, אין אַזאַ מצב? יעצט דאַרפט איר ליגן אין בעט'... האָט דער איד געענטפערט, אַז ער נויטיגט זיך דרינגענד אין געלט, וויל די בעלי-חובות דריקן אויף איהם... פון ליגן אין בעט, וועט ער גאָרנישט האָבן... האָט ר' מענדל רחמנות באַקומען אויף דעם איד, און ער האָט איהם געזאָגט, 'גייט צוריק אַהיים און לייגט זיך אין בעט, איך וועל שוין אַרומגיין זאַמלען געלט פאַר איך...', כאָטש ר' מענדל איז נישט געוואוינט צו גיין נאָך געלט. ער האָט באַלד גענומען אַ שותף, צו העלפן איהם ביים אַרומגיין זאַמלען געלט צווישן אידן אין די 'שטיבלעך'.

דער טייערער יונגערמאַן, ר' מענדל, אַרבעט פאַר פרנסה ביים קאָכן אַרבעס און בעבעלעך פאַר מענטשן וואָס באַשטעלן ביי איהם ווען זיי פראַוון שמחות. יענעם טאָג ווען ר' מענדל איז אַרומגעגאַנגען נאָך געלט צו העלפן דעם איד דעם בעל חוב וואָס האָט געליטן אויפ'ן 'רויז', האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיין באַלעבאָס, און איהם דערציילט 'דברים כהוויתן', אַז היינט קען ער נישט קומען צו דער אַרבעט. דער באַלעבאָס האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, וויל ער האָט צוגעזאָגט פאַר אַ בעל שמחה צוצושטעלן היינט אַ גרויסן קוואַנטום בעבעלעך. ער האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז אויב ער קען נישט קומען, זאָל ער כאָטש אַריינקומען אין קוך, און אַרויפשטעלן דאָס געקעכטס אויפ'ן פייער, און דאַן איז ער באַפרייט... ר' מענדל האָט אַזוי געטוהן. ער איז געקומען, אָנגעגרייט די בעבעלעך, און עס אַרויפגעלייגט אויפ'ן 'פרעשער קוקער', וואָס קען אַנטהאַלטן זעכציג ליטער, און איז ווייטער צוריקגעגאַנגען צונויפזאַמלען געלט פאַר דעם אָרימען איד.

ביתו בהם' - צו גיין אין די וועגן פון דעם אויבערשטען, זיין דערבאַרימדיג און האָבן רחמנות, טוהן צדקה און משפט, און באַפעלן די קינדער און דאָס הויז געזינד אויך צו טוהן אַזוי'.

**פרעגט** הגאון רבי שמעון שוואַב זצ"ל (אין זיין ספר, 'מעין בית השואבה'), פאַרוואָס ווערט די הטבה פון טוהן חסד, אָנגערופן מיט'ן טיטול 'חק'? דער ענין פון זיין דערבאַרימדיג און טוהן חסד און צדקה מיט אַנדערע, איז דאָך אַ זאַך וואָס דער שכל פונעם מענטש פאַרשטייט אויך אַז מ'דאַרף אַזוי טוהן (אַ 'חק', איז אַ 'גזעיץ', אָן אַ טעם).

**ענטפערט** ער, אַז עס גייט אַרויף אויפ'ן וועג פון דעם אויבערשטען צו זיין אַ חנון ורחום אויך פאַר עמיצן וואָס פאַרדינט נישט מיט רעכט אַז מ'זאָל אויף איהם האָבן רחמנות[כב]. דאָס איז נישט אַ זאַך וואָס דער שכל פון מענטש איז מחייב צו טוהן 'לפנים משורת

---

ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער קוך צוויי שעה שפּעטער, האָט ער צו זיין גרויסן בראָך געזעהן אַ 'פּאָגראָם'... אַלע ווענט און דער דאַך פונעם צימער זענען געווען 'באַדעקט' מיט די איבערבלייבענישן פון די 'באָבעס'. אויך איז געוואָרן אַ גרויסער 'לאָך' אין דער וואַנט, אַנטקעגנאיבער דעם אָרט פונעם טאָפּ, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די 'דעק' פונעם טאָפּ איז שוין געווען אַלט און אויסגעריבן אין די זייטן, אַזוי אַז ביים הויכפּונקט פון קאָכן די בעבעלעך און דאָס וואַסער, האָט דער טאָפּ געפּלאַצט, און די דעק איז אויסגעריסן געוואָרן פונעם אָרט, און איז געפלויגן אויף אַלע פיר זייטן פונעם צימער. ס'איז אויסער יעדן צווייפל, אַז אויב ר' מענדל וואָלט זיך געפונען אין קוך בשעת מעשה, וואָלט ער חלילה שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע (ווייל עס איז כמעט זיכער אַז ער וואָלט נישט אין אַכט גענומען וואָס דאָ קומט פאָר, אַ סעקונדע פריער), און ער וואָלט שוין מער נישט געזעהן די 'באָבעלעך' אין קוך, נאָר זיינע 'באָבעס' אויפ'ן עולם העליון. נאָר אין זכות פון דעם גמילות חסד וואָס ער האָט געטוהן, אַרומגייענדיג אין די 'שטיבלעך' נאָך געלט פאַר דעם אָרימען איד, איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט...

**כב.** דער מענטש זאָל נישט זאָגן, ווי אַזוי קען איך מיך פירן מיט גוטע מידות צו יענעם מענטש, וואָס ער איז אַ האַרטנעקיגער און שלעכטער מענטש, ווייל עס ווענדט זיך נאָר אין דיר... אויב דו וועסט קוקן אויף איהם מיט אַ גוט אויג, וועט ער אויך צוריקקוקן אויף דיר מיט אַ גוט אויג...

מ'דערציילט בדרך צחות, איינער האָט גערופן די לבנה צו אַ 'דין תורה', מיט די טענה, אַז לעצטענס טוט די לבנה איהם 'רודפ'ן', און וואו ער גייט, לויפט זי איהם נאָך... ווען ער שטעלט זיך אָפּ פון גיין, שטעלט זי זיך אויך אָפּ... ווען ער בייגט זיך איין דעם קערפּער, בייגט זי זיך מיט איהם. אין קורצן, די לבנה לאָזט איהם נישט צורוה... האָט דער דיין איהם געזאָגט, איך האָב געהערט דיין טענה, אָבער דער דיין קען דאָך נישט פסק'ענען אַ דין תורה, אָן אויסהערן פריערביידע צדדים... דעריבער איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט צוריקקומען אין עטליכע טעג אַרום...

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער איד געקומען מיט דער האָפענונג צו הערן דעם פסק דין. האָט דער דיין איהם געזאָגט, יאָ, איך האָב גערעדט מיט די לבנה, און איר געפרעגט פאַרוואָס זי האָט זיך 'אָנגעטשעפּעט' אין דיר, אָבער די לבנה האָט געענטפערט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט דיר נאָכצוגיין, נאָר דו האָסט אָנגעהויבן... דו ביזט שולדיג אין אַלעם... אויב דו וועסט אויפהערן קוקן אויף איר אַזוי פיל מאָל, וועט זי אויך אויפהערן דיר נאָכצוטוהן אַלעס... והמבין יבין...

דאָס לערנען מיר אויך פון די פסוקים אין דער היינטיגער סדרה (כז, מד-מה) 'וישבת עמו ימים אחדים עד אשר תשוב חמת אחיך, עד שוב אף אחיך ממך ושכח את אשר עשית לו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט רבקה געזאָגט אַ דאָפּלטן לשון: 'עד אשר תשוב חמת אחיך', און דערנאָך ווידעראַמאָל, 'עד שוב אף אחיך ממך'.

ענטפערט דער גאון רבי איצעלע וואָלאָזשינער זצ"ל (אין זיין ספר 'פה קדוש'), לויט ווי זיין פאָטער, דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל, האָט געזאָגט ('כתר ראש', אות קיט) אַז עס איז אַן אויסגעפּרובטע זאַך, אַז אויב אַ מענטש האָט שונאים ח"ו, זאָל ער פועל'ן ביי זיך אין האַרץ אַז זיי זענען צדיקים גמורים, און ער זאָל זיי דן זיין לכף זכות, און זייער הערצער וועלן באַלד איבערגעדרייט ווערן איהם ליב צו האָבן.

לויט דעם, האָט רבי איצעלע געזאָגט אַ כוונה אין דעם דאָפּלטן לשון פון פסוק, אַז עס קומט לערנען אויך פאַרקערט, אויב דער מענטש וויל זעהן אויב יענער האָט איהם טאַקע פיינט, זאָל ער זיך אַליין נאָכקוקן צי זיין האַרץ איז גאַנץ מיט יענעם. אויף דעם האָט רבקה אמינו ע"ה געזאָגט, פון וואו וועסטו וויסן אַז עשו'ס כעס האָט זיך אָפּגעטוהן פון דיר? ווען דו וועסט שפּירן אַז 'שב אף אחיך ממך', דאָס הייסט, אַז דיין אייגענער כעס אויף

הדין', נאָר עס איז אַ 'געזעץ' פון דעם אויבערשטען אַז מ'זאָל טוהן גוטס מיט זיי, און אַזוי האָט זיך געפירט אברהם אבינו ע"ה, און דערמיט איז ער געגאַנגען אין דעם אויבערשטען'ס וועגן.

**באמת**, איז דער מענטש וואָס 'צוברעכט' זיך און זיינע מידות, צו טוהן גוטס אויך מיט איינעם וואָס פאַרדינט עס נישט, קומט איהם 'בדין' צו באַקומען שכר און געבענטשט ווערן מיט אַלע ברכות וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט אין דער פרשה, ווי הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל האָט געטייטשט ('תורת אבות', ד"ה 'ויעתר'), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כא) 'ויעתר יצחק לה'', זאָגן חז"ל (יבמות סד.) אַז 'ויעתר' איז פון לשון 'עתר' - אַ גאָפּל מיט וועלכן מ'כאַפּט אָן די תבואה, דיך צו לערנען, אַז פונקט אַזוי ווי דער גאָפּל דרייט איבער די תבואה פון איין אָרט צום אַנדערן, אַזוי טוט די תפילה פון די צדיקים איבערדרייען די מידות פון דעם אויבערשטען, פון מידת הדין צו מידת הרחמים.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס טאַקע איז דער כוח פון די תפילה אַזוי גרויס איבערצודרייען די מידות פון דעם אויבערשטען?

**ענטפערט** רבי משה מידנער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אויבערשטער פירט זיך דאָך צו באַצאָלן פאַר דעם מענטש 'מידה כנגד מידה'. און וויבאַלד די צדיקים דרייען איבער זייערע מידות און גליסטונגען פאַר דעם אויבערשטען, דעריבער זענען זיי בכוח איבערצודרייען אויך די מידות פון דעם אויבערשטען כביכול. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, ויעתר יצחק לה' - יצחק האָט זיך אינגאַנצן 'איבערגעמאַכט' פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און אַזוי ביי אַלע זאַכן וואָס אַ מענטש טוט זיך 'איבערדרייען' פאַר דעם אויבערשטען, סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחבירו, און דורך דעם טוט ער 'איבערדרייען' אַלע דינים, און ער איז ממשיך אויף זיך אַ שפע פון רחמים און חסדים אָן אַ גרעניץ[כג].

**מיר** האָפען און זענען מתפלל, ברכנו אבינו כולנו כאחד, מיט 'טל השמים' און 'משמני הארץ', און אַלע אַנדערע ברכות וואָס שטייען אין דער פרשה, ברוחניות ובגשמיות, בסימן טוב ובמזל טוב, מיט אַ שטאַרקער אמונה אין דעם באַשעפער, 'צור כל העולמים', בעסק התורה והמצוות על ישראל שלום, אמן כן יהי רצון.

---

איהם, האָט זיך אָפּגעטוהן, דאַן וועסטו קענען וויסן אַז אויך זיין כעס האָט זיך אָפּגעטוהן פון דיר.

און רבי איצעלע האָט צוגעלייגט, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ 'סימן', נאָר אויך אַ 'סיבה'. אויב דער מענטש טוט אָפּ פון האַרץ אַלע זיינע טענות קעגן יענעם, וועט יענער טאַקע אויפהערן איהם פיינט צו האָבן.

**כג.** ווי גרויס ס'איז דער כח פון צעברעכן די מידות, קען מען זעהן פון אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט פאַריאָר,

פרשת חיי שרה תשפ"ב, אַ פרוי וואָס וואַרט שוין לאַנגע יאָרן געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, האָט מפשפש געווען במעשים, צו וויסן פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז לאַנגע יאָרן פריער האָט זי געטשעפּעט מיט אַ חבר'טע וועלכע האָט געלערנט מיט איר צוזאַמען אין שולע, און איז געגאַנגען איר איבערבעטען. די חבר'טע האָט אָבער נישט געוואָלט מוחל זיין, זאָגנדיג אַז זי איז געטשעפּעט געוואָרן פון איר אויף אַ געפערליכן אופן, און דאָס האַרץ טריפט איר נאָך מיט בלוט ביז היינט, ספּעציעל אַז די וואָס האָט איר געטשעפּעט (די פרוי וואָס האָט געוואַרט אויף קינדער) האָט אָנגעפירט אַ גאַנצע גרופּע חבר'טעס, און זי האָט זיי דערמוטיגט צו טשעפּען מיט איר. וויפיל זי האָט פּרובירט בעטן רחמים אַז זי זאָל אַראָפּנעמען איר 'קפידא', האָט די חבר'טע זיך געהאַלטן ביי איר'ס, אַז זי איז בשום אופן נישט מסכים מוחל צו זיין.

איז די פרוי געגאַנגען צו איינע פון די רבנים אין בני ברק, אַז ער זאָל פּרובירן אויסהאמערן א שלום צווישן זיי, און דער רב האָט זיך טאַקע פאַרבונדן צו די געטשעפּעטע פרוי פאַר יום כיפור תשפ"ב, און איר געבעטן ברחמים ובתחנונים, אָבער עס האָט נישט אויפגעטוהן, ביז ער האָט איר געפרעגט: 'וואָס פאַר אַ ישועה דאַרפסטו אַליין האָבן, וואָס צוליב דעם איז כדאי פאַר דיר צו זיין אַ 'מעביר על מידותיו', און דו וועסט זוכה זיין צו אַ ישועה ביז חנוכה?'... האָט די פרוי געענטפערט, יאָ, זי האָט אַן עלטערן ברודער, אַ 'בא בימים', וואָס האָט נאָך נישט געטראָפן זיין באַשערטע... אַלזאָ, זי האָט געזאָגט אַז זי איז מוחל מיט'ן גאַנצן האַרץ, און דער רב האָט איר געזאָגט, אַז ער איז זיכער אַז ביז חנוכה וועט ער געהאָלפן ווערן, וכן הוה, פרשת חיי שרה תשפ"ב, איז דער ברודער פון די פרוי אַ חתן געוואָרן בשעה טובה ומוצלחת...